Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

{829305521}

Visual Library

02
A
.017999

048/52

H I 3293 Jul

O.P.C.N.
BUCUREŞTI

048/52

048/ג

No. 105

# יוליוס צעזאר

אײנע איסטאָרישע, טראַהעדישע דראַמאַ —
איבער רומאַ׳ר רעספּאַבליקע.
אין 5 ערשײנונגען.

פערפאסט פאן דעם בעריהמטען דיכטער און דראמאטורג

## וויללׅיאם שעקספער

פרייא איבערזעטצט און בעארבייטעט אינם פראסט־יודישען זשארגאן
פאן בצלאל ווישניפאלסקי ([illegible])
משדה לבן

TIPOGRAFIA IAȘI
Librărie și Cărți Evreești
DAVID HERZBERG
— IAȘI —
Str. Sărărie 151 — Str. Cost. Negri 57

## ווארשא

דרוק פאן אלעקסאנדער גינז, נאייע זיעלנא № 47
שנת תרמ״ו לפ״ק

# ЮЛІЙ ЦЕЗАРЬ

сочиненіе

**Шекспира.**

Переработанное на Еврейскій жаргонъ
Ц. Б. Вишнепольскимъ.

ВАРШАВА.
ВЪ ТИПОГРАФІИ АЛЕКСАНДРА ГИНСА.
Новозельная № 47.
1886.

בית מסחר חדש
ספרים טליתים עטרות
דוד הערצבערג
יאססי סטר. קאראריע 151

Дозволено Цензурою.
Кіевъ, 13 Іюня 1885 г.

2103

UB Potsdam - Ersatz-Inventarnr

*98031035*

UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitätsbibliothek

לִכְבוֹד אָבִי זְקֵנִי הַנִּכְבָּד מוה׳ ר׳ משֶׁה נֵרוֹ יָאִיר,
וְלִכְבוֹד אִמִּי זְקֵנָתִי הַכְּבוּדָה מָרַת שָׂרָה יִזְרְחוּ יְמֵי חַיֶּיהָ
כַּשֶּׁמֶשׁ בָּהִיר,
מַעֲשֵׂי יָדַי אַקְדִּישׁ לָמוֹ זֹאת הַמַּחְבֶּרֶת הָאַחַת,
יִשְׂבְּעוּ הוֹרַי מִפְּרִי נֶכְדָּם רוֹב־נַחַת,
וַאֲבַקֵּשׁ מֵאֱלֹהֵי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם,
לְהַשְׁפִּיעַ עֲלֵיהֶם רַב־שָׁלוֹם וְחַיִּים,
אַגִּישׁ, אַקְטִיר הַעְתָּקָתִי לִפְנֵיהֶם,
וְאֶתְפַּלֵּל כִּי יַאֲרִיךְ ה׳ יְמֵי שְׁנוֹתֵיהֶם.

כחפץ-נכדם

**המעתיק**

## אָשִׁירָה נָא לְהַמְשַׂחֲקִים, בְּבֵית־מִשְׂחָק (טעאטער) אֶת הַסֵּפֶר הַנֹּכְחִי.

---

**1.**

לוֹחֵם בְּיוֹם קְרָב,
לִבּוֹ יִרְתַּח כְּסִיר נָפוּחַ,
יַעַשׂ הֶרֶג־רָב,
בְּנֶפֶשׁ שְׁקֵטָה וִיקָרַת־רוּחַ.

**2.**

גִּבּוֹר בְּיוֹם מִלְחֶמֶת,
יִפְגַּע אֶת אֹיְבָיו בְּחֶרֶב,
יִשְׂחַק לְחֶרֶב נוֹקֶמֶת,
כִּי בְּאֶפֶס־יָד, חֲלָלִים יֶרֶב.

**3.**

אַבִּירֵי לֵב יִשְׁתּוֹלָלוּ,
מֶהֱמָיַת הֲמוֹן רוּחֵהוּ,
עֲנָקִים לְרַגְלוֹ יִתְמוֹלָלוּ,
מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפֵּהוּ.

**4.**

אִישׁ חַיִל רַב פְּעָלִים,
לְעַפְעַפָּיו אֵין תְּנוּמָה,
לַיְלָה כַּיּוֹם יִגְבַּר חַיָלִים,
כִּי לוֹ עֹז וְתַעֲצוּמָה.

**5.**

עַצְלָה יִשְׁנָא עַד מָוֶת,
כִּי הוּא בִמְלַאכְתּוֹ מָהִיר,
לַבֹּקֶר יַהֲפוֹךְ צַלְמָוֶת,
וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר.

**6.**

הוּא בְרוֹב גַּאֲוָתוֹ,
יוֹרִיד שָׂרִים מִמַּרְכְּבוֹתֵיהֶם,
כִּכְפִיר יוֹצֵא מִמְּעוֹנָתוֹ,
לְהַשְׁבִּית רַעַשׁ־אוֹפַנֵּיהֶם... —

# דיא דראמאטישע פערזאנען :

יוליוס צעזאַר — קייזער אין רומא .

אָקטאַויוס צעזאַר
מאַרקוס אַנטאָניוס
מ. עֶמיליוס לעפּידוס
} דיא געוועלטיגער נאך צעזארס טויט (טריאמווירער)

ציציערא ָ פּאָבליוס
פָּאפּיליוס לֶענַא
} סענאטארען

מאַרקוס בְּרוטוס
קאַססיוס
קאַסקַא
טְרֶעבאָניוס
לִיגאַריוס
דֶעציוס בְּרוטוס
מֶעטעללוס צימבֶּער
צִינְנַא
} דיא מיאטיעזשניקעס קעגען יוליוס צעזאר .

פְלַאוִויוס אונד מאַרוללוס — טריבונען

אַרטעמידָארוס — איין סאפיסט פאן קנידאס .

מְבַשֵׂר — (איין אנזאגער) .

צִינְנַא — איין מליץ , איין אנדערער מליץ .

לוציליוס , טִיטִיניוס , מֶעססאלַא
קאַטאָ דער יונגער , וואָלומְניוס
וואַרראָ , קְלִיטוס
} ברוטט׳ס אונד קאססי׳עס גוטע ברידער .

קְלַאוּדיוס , סְטְרַאטָא
לוּצִיוס , דַארדַאניוס
} ברוטט׳ס קאממערדיענערס .

פִּינְדַארוּם — קאססיוס קאממערדיענער .

קַאלְפוּרְנִיַא -- צעזאר'ס ווייב

פָּארְטִיַא — ברוטטוס ווייב .

סענאטארען , שטאט בעלי בתים, סטראזש , קאממערדיענערס .

דיא סצענא קומט פאר צום ערשטין אין רומא , אונ נאך דעם אין סארד אונד נעבען פיליפפי , אין דער צייט — 100 יאהר פאר'ן געבארענהייט פאן ישוע המשיח .

# פאררעדע

ליעבע זשארגאָנישע לעזער אונד לעזערין ! איך בעמערק אין איך שוין פון אַ צייט , אז סע גליסט זיך אייך לעזען ביכער אויסער דעם צאינה וראינה שבת בייא טאג , אין בבא'ם מעשה שבת צוא נאכט ; איהר וואָלט ניט גיזשאַלעוועט אין מיטען דער וואָך אויך עטליכע שעה אין טאג אויף לעזען אַ בוך אביא אַ רעכטען , איז חאָטש דאנקען גאט איהר האט שוין גענוג זשארגאָנישע ביכער, אפילו דיא וואָך זאל האלטען צעהן טאג ניט קיין זיעבען , פון דעסט וועגין רעכען איך אַז מיין ווערק , וואס איך גיב יעצט ארויס איז אויך ניט איבעריג , עס איז פֿיעל אינטערעסנער צוא לעזען , איידער אועלכע ביכער , וואס אַז מע לייענט זייא נאך בבא'ם מעשה מעג מען זאגען „שווענק אוים דיא שיסעל , אונ גיב וויטער באָרשט" יענע בבא'ם

מעשה אַוועק גיוואָרפֿין , און אַ נייע גילייענט . מיין ווערק וועלכע איך גיב יעצט ארויס איז פֿריער גאַטס און נאך דעם פֿרעמדס , היינו עס איז איבערזעצט פֿון דער ווערק פֿון דעם בעריהמטען דיכטער און דראַמאטורג וו. שעקספער — ציא ווישען דיא זשאַרגאָנישע שרייבער געפֿיהן איך ניט אַזעלכען . — אין ערשטען איז דיא ווערק ווערט מע זאל זיא לייענען וויל זיא איז פֿון אַ בעריהמטען פֿערפֿאַסער . און צווייטען , וויל סע איז ניט קיין אויסגיטראַכט ערצעהלונג וואס סע איז ניט גישטויגען און ניט גיפֿלויגען , עס איז איינע היסטאָרישע פֿאָרשטעלונג , וועלכע עס האט זיך אין אמתן גיטראָפֿען אין 1900 יאהר צוריק . איך וועל אין קורצען דערצעהלען דעם לעזער דיא היסטאריע : אין יענעם יאהר , איך מיין 100 יאהר איידער ישוע המשיח איז געבאָרען גיווארען , איז געבאָרען אין רומא איינער יוליוס צעזאַר , וועלכער ער איז נאך דעם גיווארען דער ערשטער קייזער אין רומא , און אויף איהם זענען אויף גישטאנען פֿיעל מיאטיעזשניקעס , וועלכע האבין גיוואלט אַיינפֿיהרען רעספובליקע אין רומא , און האבין איהם גיהאַרגעט אין דער סענאַטאָריע , אויף דעם פֿיער און פֿערציגסטען יאהר פון זיין לעבען , דעם 15 טען מאַרט (יוד מארטע) , און האבין אויס געפֿיהרט זייערס , סע הייסט עס איז טאַקע גיווארין רעספובליקא , אויף אַ קליינער צייט , נאר דיא אַלע מיאטיעזשניקעס זענען גיטויט גיווארין , עטליכע האבין זיך אַליין גיטייט , און עטליכע דורך דיא הענד פֿון צעזאַרס ליעבהאָבערס . דיא היסטאָריא שפיעלט זיך דא אין דער דראמא , אין וועלכע איך גיב יעצט ארויס , און בעט אייך איהר זאלט זיא לייענען , אויף פראָסט יודיש זאַרגאָן . איך האב גיזעהען פֿיעל זשארגאָנישע שרייבער מיטשען זיך וויא וויט זייא קענין איים מישען זייער זשאַרגאָן , דער מיט העבער האַלב דייטש , דער מיט דרייא פֿערטעל רוסיש , און איך געפֿיהען אז מיין דראמא דאַרף געשריעבען ווערען אין פראָסט יודיש זשאַרגאָן , וואָרום דער וואס קאָן דייטש , וועט געוויס בעסער וועלין לייענען דייטשעשע אָריגינאלען איידער זשאַרגאָנישע פערעוואָדען — איין אָריגינאַל איז תמיד

בעסער פֿון אַ פערעוואָר — אונ דער וואס קאַן רוסישע שפּראַכע וועט איך בעסער וועלין לייענען דיעזע ווערק אין רוסישען, ווייל רוסיש איז מיין וועלט-שפּראַך איידער זשאַרגאָן, אונ איך גיעב ארויס מיין ווערק נאָר וועגען אזעלכע, וואס פֿאַר שטעהען ניט קיין אנדערע שפּראַך, אדער וועגען אַזעלכע וואס פֿאַרשטעהען יאָ, נאר זייא שעמען זיך ניט מיט זייער יודישער שפּראַך, הײנט וואס טויג זייא דייטש אדער רוסיש אז זייא ווילען יודיש. דאַרום גיב איך עס ארויס אויף פּראָסט יודיש זשאַרגאַן יעדערער זאל דאס קאַנען לעזען. נאר איינינע ווערטער וועלכע עס קומען פֿאָרט פֿאַר אין בוך, ניט מיט מיין וויללען, אויסלענדישע (Иностранные) ווערען פֿאַר טייטש צום סוף נאכען א. ב. אויף פּראָסט זשאַרגאָן. איך בעט אייך לייענט דאס ווערק וועט איהר געווים ניט פֿאַר ברייננען אומזיסט אייער צייט.

דער איבערזעטצער.

# ערשטער אַקט

## 1 טע קארטינא .

אין רומא אויף דער גאס , קוממען אן פלאוויוס , מארוללוס
אונ א מחנה שטאט בעלי בתים .

### פלאוויוס

אהיים , אהיים , לײדיגעהרס ! וואס איז ? סע איז היינט יום-טוב ? גישיקט זיך אז איהר , בעלי מלאכות , ווייסט ניט אז סע איז היינט איין אַרבייט טאָג , מע טאָר ניט ארום געהן לײדיג , אָן אַ שום מלאכה (ציא איינעם) זאָג , וואס ביסט דוא פֿאר אַ מענטש ?

### 1 טער שטאט בעל הבית

איך בין א באווער .

### מארוללוס

וויא זשע איז דיין לעדערנער פֿאַרטוך , וויא איז דיין מעסט ווייערע ? וואס האסט דוא זיך עפּים אזויא אָן גיטאן ? — נאָ , אין דוא ? (צום אנדערען) .

### 2 טער שטאט ב״ב

אויף דעם אמת זאגען , געגען גוטע בעלי מלאכות , בין איך אַ בעל מלאכה פֿון דעם גימיינעם סאָרט .

### מארוללוס

ענטפֿער מיר וואס פֿאר אַ מלאכה האסטו אין דיין האנד ?

### 2 טער שטאט ב״ב

דיא מלאכה וואס איך אַרבייט זיא מיט מיין גאַנצין כח איז דאס ; איך קען — פֿאררעכטען .

מארוללום

זאָג מיר וואס איז דיין אַרבייט , דוא דומער קערל , דיין מלאכה ?

2 טער שטאט ב״ב

איך ביטטע ניט קריעגען זיך , ניט ארויס קריכען פון דער הויט ; אונ ווייעדער , אויב זיא וועט זיך צוא רייסען , קען איך דיך פֿאררעכטין .

מארוללום

וואס ? וואס הייסט ? פֿאררעכטין מיך ! זאָג דוא דוממער-קערל , וואס מיינסט דוא מיט דיעזע ווערטער ? וואס ווילסט דוא זאָגען ?

2 טער שטאט ב״ב

איך קען דיר אונטער געבין פּאַרמיעטקעס .

פלאוויוס

איז דיין מלאכה — פֿאררעכטין שוך ?

2 טער שב״ב

יאָ , איך לעב נאר מיט דער נאָהל ; איך געהער זיך גאָר וויינינג אָן מיט דיא גיהויבינע בעלי מלאכות ; מיין עסק איז דיא נאָהל , איך בין אַ רופא פֿון אלטע שוך . אז דער שוך אדער דער שטיעוועל איז אין איין גרויסער סכנה — הייל איך איהם . מיין אַרבייט טראָגין גאהר פֿיינע מענטשין , וועלכע טראגין נאהר שוך פֿון אָקסענע פֿעל .

פלאוויוס

נאָ פֿאר וואס זשע ביסט דוא היינט ניט אין קלייט ? וואס פֿירסטו דוא זיך ארום מיט אַ גאנצין עולם ?

2 טער שב״ב

בכדי דיא דאָזיגע מענטשין זאלען גיכער אָפּ טראגען זייערע שוך , וועל איך האבין מיין אַרבייט . היינט מעגין מיר אַרום געהן

ליידיג, סע איז היינט בייא אונז אַ יום טוב, מיר זיינען ארויס גיגאנגין גענגען צעזאַר'ן, פֿרייהען זיך מיט איהם צוזאממען אין זיין קרּאָניגם טאג.

## מארוללוס

יאָ! אַוודאי איז טאקע דא וואס צוא פֿרייהען זיך, אונ ארויס געהען גענגען — דיא נייע מלחמות אונ הריגות וואס ער טראָגט מיט זיך. אַך! וואסערע צינשען-געבערס, אונ פענטעס פֿון רע-סטאַנטען געהען נאך זיין קאַרעטע?. איך פֿרעג אייך נאר, וואס זענט איהר פֿאר מענטשין? איהר זענט נאהר עפים, העלצער, שטיינער, ברואים אָן מענטשליכע געפֿיהלע! מענטשין מיט גראָבע הערצער אונ פֿיעל מיט אכזריות! אַ פנים איהר האט שוין פֿאר-געסין אן פאמפיום'ן? איהר האט שוין גאר פֿאר געסין, וויא פֿיעל מאהל איהר פֿלעגט קריכען אויף דיא ווענד, אויף דיא דעכער, אונ אויף דיא קוימענעס, מיט אייערע קינדער אויף דיא הענד, אונ פֿלעגט אוים זיצען גאנצע טעג אונ וואַרטען, איהר זאלט נאָהר האבין דיא זכיה אָן קוקען וויא דער גרויסער פאמפיום געהט! אונ אז איהר האט נאהר פֿון וויימען דער זעהען דיא קאַרעטע אין וועלכער ער איז גיזעסין; האט איהר איהם מיט איין אלגעמיינעם אוים-גישרייא אָפּ גישיקט זיין פריוויעטסטוויע (ברוך הבא); דער טייך טיבר אין דיא טיעפֿע ברעגען, פֿלעגט אָן הייבען ציטערין פֿון דיא אוים גישרייען, וואס זענין באלד איבער גיחאזערט גיווארין אין טייך דורך דעם ווידער-קול; אונ יעצט האט איהר זיך אָן גיטאן, אונ אוים גיצירט יום-טוב'דיק, אונ שיט בלוממען פאר צעזאַרען, וועלכער איז היינט אין רומא, אונ געהט מיט גרויס פֿרייד אויף פאמפייום בלוט! אַהיים, אהיים! פֿאלט אויף דיא קניע, בעט גאטט אז ער זאל אייך ניט שטראָפֿין פֿאר אייער זינד, וואס איהר זינדיגט יעצט...

## פלאַוויום

נאָ חברה, געהט זשע באלד אוועק פֿון דאנען, אונ אויב

איהר ווילט האבען אַ כפרה איף אייערע זינד, נעמט זיך ציא נויף מיט אלע אייערע גוטע ברידער, אויף דעם ברעג פון דעם טייך טיבר, און וויינט אזויא לאנג, און גיעסט אוים אזויא פֿיעל טרערין, ביז דער טייך זאל זיך ארוים חליאפען פון זיינע ברעגען מחמת פֿיעלקייט.

(דיא שטאט בעלי בתים געהן אוועק,
פלאוויום זאגט צוא מארוללום).

וויא בעריהרט עס איז גיווארין זייער גראָבער חאראקטער, זייא האבין אלע גימאכט אַ שוויינ און זענין פֿאר שווינדען גיווארין, זייא פֿארשטעהען אז זייא האבין גישולדיגט. געה דוא אין קא-פיטאליע, און איך וועל געהן אהער, וויא דוא וועסט באמערקין זייערע פֿארפוטסעכצען אויף דיא סטאטאָיען (גיגאָסענע אדער גיטאָקטע פֿיגורעם) זאלסט דוא אראפ נעמין.

## מארוללום

וויא קענין מיר דאס טוהן פלאוויום? דוא ווייסט, עס איז יעצט יום טוב לופערקאליען.

## פלאוויום

וואס מאכט דאס אוים! לאָז קיין שום סטאַטויע ניט באשיינען צעזאַר'ס טראָפֿיעען (סימנים פֿון איינגעמין), דעם פראָסטין עולם וועל איך צוא טרייבען פון דיא גאַססען, דאס נעמליכע זאלסט דוא אויך טוהן, אז דוא וועסט ערגיץ באמערקין איין אסיפה פון אַיאַם מענטשין; פון ציעזאַר'ס פֿליעגעל וועלין מיר ארוים רייסען דיא פֿעדערין, וואס וואַקסין שוין גאר איבער דער מאָסס, און צוא זיין פֿליהען וועלין מיר אָפּ שטעלין איין גרעניץ, אויב ניט וועט ער שוין באלד אזוי הויך פאר פֿליהען אז מיט דעם אויג ניט צוא דער לאנגען, און אונז וועט ער תמיד האלטין אונטער זיין שרעק.

## 2 טע קארטינא

דיא זעלבע, אין מארק קוממען אן אין פראציעססיע, מיט מוזיקע, צעזאר, אנטאניוס, אנגיטאהן צום לויפען, קאלפורניא, פארטיא, דעציוס, ציצערא, ברוטוס, קאססיוס, אונ קאסקא, נאך זייער אגרויסער עולם פיעל מענטשין, אונ בתוכם געפינט זיך דער מבשר.

### צעזאר

קאלפורניא!

### קאסקא

שאט! צעזאר זאגט עפּיס.

(דיא מוזיקע הערט אויף צוא שפּיעלען).

### צעזאר

קאלפורניא!

### קאלפורניא

איך בין דא.

### צעזאר

שטעלל זיך אויף אנטאָניוס וועג, ווען ער וועט דורך לויפען, אנטאניוס!

### אנטאניוס

איך בין דא. וואס ווילסט דוא מיר אָן זאגען צעזאר?

### צעזאר

פֿארגעס ניט, בעת דוא וועסט לויפֿען, זיך צוא רירען צוא קאלפורניען, איך האב גיהערט פון אלטע מענטשין, אז איין אשה עקרה קען גיהאלפֿין ווערין, אויב דוא וועסט זיך צוא איהר צוא רירען בעת דוא וועסט לויפֿען אין דעם הייליגען וועג.

### אנטאניוס

איך וועל גידענקין; דיינע ווערטער זענין איין — געזעטצע (Законъ).

צעזאר

לאָמיר גיין ווייטער, און ניט דורך לאזען דיא צערעמאָניעס (обряды).

(דיא מוזיקא הייבט אן שפיעלען).

מבשׂר

צעזאר!

צעזאר

ווער איז דאס דארטין?

קאסקא

שאַט, שאַט! שווייגט, שטיללער, שטיללער!

צעזאר

עפּיס הער איך, צווישין קול פון דיא כּלי זמרים, איין מענשליכע שטיממע, ווער רופט דאס מיך? נוא, רעד, איך הער!

מבשׂר

היט זיך פאר יודוס מאָרצען.

צעזאר

ווער איז ער?

ברוטטוס

דער מבשר זאגט, אז דוא זאלסט דיך היטען פאר יודוס מאָרצען.

צעזאר

לאָז ער צו געהן צו מיר; איך וועל איהם אָן קוקין אין פּנים.

קאססיוס

יונגער מאן, געה נאר ארויס פינעם עולם אהער צוא, און שטעל זיך פאר צעזאר'ן.

צעזאר

וואס האסט דוא גיזאגט?

מבשׂר

היט זיך פאר יודום מארצען.

צעזאר

ער שרעקט דעם עולם; לאָממיר איהם לאָזין ציא רוה, קומט!
(אללע געהן אוועק חוץ ברוטוס אונ קאססיוס).

קאססיוס

אונ דוא ווילסט ניט קוקען אויפען לויפען?

ברוטוס

איך וויל ניט.

קאססיוס

איך בעט דיך, געה ארויס.

ברוטוס

איך האב ניט ליעב קיין שפילעכליך, איך בין ניט אזויא פריילִיך וויא אנטאניוס; נאר דוא געה, איך וועל דיר ניט איבער שלאגין דיין ווילען וויא אזויא דוא ווילסט אזויא טוא!

קאססיוס

הערסטו ברוטוס, עפּיס פון איין קליינע צייט בעמערק איך, אז דוא ביסט גאר פאר ביטמען גיווארין: אין דיינע אויגען זעה איך יעצט ניט, דאס פאָריגע פריינדליכקייט, אונד ליבשאפט, מיט וועלכין איך בין גיוואוינט פון דיר צוא זעהין. עס איז וואונדערליך אונ חידושליך דיין באגעהין זיך מיט מיר, דיין גיליעבסטין פריינד.

ברוטוס

נייִן ברודער, דוא האסט אַ טעות, ווען מיין קוק איז ברוגז, אונ אויף מיין פנים איז אַ טרעוואָגא, געהער זיך דאס נאר אָן מיט מיר. פון אַ קליינער צייט אָן לייד איך זייער, דאס הארץ זיט אין מיר אזויא וויא אַ קעסיל, סע קאָכט זיך אין דעם איאם ליידען מיט

פֿיעל גידאנקין , אונ דאס ווארפֿט אויפֿין פנים אויך אַ שטן ; נאהר מיינע פֿריינד דארף דאס ניט מאכין אומרוהיג , אונ מיך ניט חושד זיין אז מיין פֿריינדשאפֿט צוא זייא איז קיהלער גיווארין. ניין ! דער אומגליקליכער ברוטוס ראַנגעלט זיך מיט זיך אליין , אונ איבער דעם פֿאר געסט ער צייטען וויים , ארויס ווייזען עפֿענטליך , זיין ליעבשאפֿט צוא אַנדערע .

## קאססיוס

וויזט אויס אז איך האב אַ טעות גיהאט , ברוטוס , נאר דיינע דאגות אונ עגמות-נפש פֿאר שטייא איך נאך ניט , אונ דיזער טעות שטערט מיר צוא רעדין מיט דיר , דארום מוז איך פֿיעל מחשבות אונ טייערע גידאנקין אין הארצין בעהאלטין . נאר זאָג מיר , ברוטוס , זעהסט זיך זעלבסט ?

## ברוטוס

ניין , קאססיוס , קיין אויג קען זיך זעלבסט ניט זעהין , נאר דיא ווידערשיין פֿון זיך .

## קאססיוס

יאָ אמת , נאר סע קריינקט מיך זייער , מיין טייערער ברוטוס , וואס דוא האסט ניט אַזא שפיגעל אין וועלכין דוא זאלסט קענין זעהין דיין ווערט , אונ דיין פֿאר-דיענסט , דאס בילד פֿון דיין נשמה , וואס זיא איז פֿון דיר פֿאר שטעלט . איך האב גיהערט פֿון פֿיעל מענטשין וואס האָבין זייער ליעב , אונ עהרען (חאטש ניט אזויא וויא צעזאַר'ן) דיא ערצעהלונגען וועגין ברוטוס'ן ; אללע מיטשען זייא זיך אונטער דעם שווערין יאַרמאָ , אונ ווילען איינס : אז דער הויכגישעצטער ברוטוס זאל זייא דיא אויגען אויף עפֿענין .

## ברוטוס

צוא וואס פֿאר אומגליקען פֿירסט דוא דאס מיך קאססיוס , איך זאל זיך מיהען , צוא זוכען אין זיך אזוינע מעלות וועלכע איך האב גאר ניט ?

### קאססיוס

אויב אזויא מיין טייערער ברוטוס , הער צוא וואס איך וועל דיר זאגין : אזויא וויא דוא ווייסט אז זיך זעלבסט קען מען ניט זעהין סיידען אין דער ווידערשיין , בעט איך דיך זייער ערלויב מיר , איך זאל זיין דיין שפיגעל , און מיט גרוים ענוות וועל איך ארוים ווייזען פֿאר דיר אזעלכס וואס דוא אליין ווייסט ניט וועגין זיך , נאהר שעהם זיך ניט מיט מיר , מיין טייערער ברוטוס , און רעכען מיך ניט פֿאר קיין חוזק-מאכער , און מיין ניט , אז עס איז בייא מיר ניט טייער אונזער ליבשאפֿט , און איך בין תמיד גרייט , מיט אַ פשוטער שבועה פֿאר יידען אזויא אוים מאלען . אויב איך בין דיר באקאנט פֿאר אַ חונף , וואס איך דעל אינמעסטין מענטשין אביא איך זאל זיך קענין נאך דעם אוים לאַכען אויף זייא . אדער איך בין גלאט איין אָנשטעלער וואס איך פֿאר קרים זיך פֿאר יעדער כאפטע . — אויב אזויא , רעכען מיך פֿאר איין שלעכטין מענטשין ברוטוס .

### ברוטוס

וואס הער איך עפים פאר אוים גישרייען ? סע איז אַ סברה אז דאס פֿאלק האט שוין אוים גיקליבען צעזארען פֿאר אַ קייזער ?

### קאססיוס

און דוא האסט מורא ! אַ פנים דוא ווילסט ניט אז עס זאהל זיין אזויא ?

### ברוטוס

ניין , איך וועל ניט ; נאהר דער וויל בין איך צוא צעזארען צוא גיבינדען. וואס האלסט דוא מיך דא אזוי לאנג ? וואס ווילסט דוא מיר דערצעהלין ? אויב עס איז עפים אַ טובה פֿאר דעם פֿאלק — לאזין אויף שטעהן געגען מיר דער כבוד און דער טויט — איך וועל מיינע אויגען פון זייא ניט אָפּ טוהן , לאז מיר גאטט צוא שיקען אזויא פֿיעל טובות , אויף וויא פֿיעל דאס היים

ליבשאפֿט אין מיין הארצין צוא כבוד איז דער שרעק פֿון דעם טויט גובר !

## קאססיום

אַ ! דיא מעלה דיינע איז מיר באקאנט , אקוראט אזויא וויא איך קאן דיך אויפֿן פנים , ברוטוס יאָ , איך האב בדעה רעדין מיט דיר וועגין כבוד . איך וויים ניט מיט וואס פֿאר איינבליק דוא קוקסט אויף דעם לעבין . . . מיר זענין גיבארין גיווארין פֿרייע , אזויא וויא צעזאר . מיר האבין זיך ערנעהרט מיט דער אייגינער שפייז , מיר קענין איבער טראגין קעלט אזויא וויא ער . איך גידענק , איין מאהל אין זייער אַ שטורימדיגען אונ אַ רעגינדיגען טאג ווען דער טייך טיבר האט אוש גיזאָטען פון דיא שטארקע חוואלים , האט מיר צעזאר גיזאגט : „קאססיום דוא וועסט זיך אצונד איין שטעלין , אונ זיך ארייו לאזען מיט מיר צוזאממען אין וואסער אונ צוא שווימען צוא יענעם פונקט ?” שווער איך דיר , אז ניט אוים גיטאן , אזויא וויא איך בין גיגאנגין , בין איך אוועק גישווימען , אונ האב איהם אויך מיט זיך גערופֿען ; איז ער מיר אויך נאך גישווי-מען . דער טייך טיבר האט גירוישט , מיר האבין זיך מיט איהם גאנץ לאנג גיבאָרעט , מיט באמיהונג האבין מיר זיך דורך דיא חוואלים דורך גישלאגין אנטקעגין דעם ארֿאָפלויף פון דעם וואסער ; נאהר אויף דעם טיפֿעניש , האט צעזאר פליצלום אַ גישריי גיטאן : „גיוואלד ! קאססיום , העלף , רעטע מיך !” איז אזויא וויא דער גרויסער עלטער זיידע אונזערער ע נ י ע האט ארוים גיטראגין אויף דיא פלייצעם דעם אלטען אַ נ ח י ז ע ן , פון טראָיא , ארום גינומען מיט איין פֿלאם , אזויא האב איך ארוים גיטראגין צעזאר'ן פון דיא חוואלים פון דעם טייך טיבר , אונ האב איהם מציל גיוועז פון דעם טויט , אונ איצונד איז ער גאהר גיווארין אַ גאטט ; אונ איך קאססיום בין דאם אייגינע נידעריגע באשעפֿעניש אזויא וויא פֿריער , איך בייג זיך אין צעהנטען פֿאר צעזאר'ן , אונ ער גיט מיר קוים אַ שאָקעל מיט דעם קאפ שלא בכבוד . . . אין שפאניען האט ער

גיליטען פון דער היציגער קריינק ; אונ אז ער פֿלעגט באקוממען דאס שלאפקייט , האב איך אליין גיזעהין , וויא אזויא ער האט גיציטערט , — אָ דער דאָזיגער גאטט , ער האט גיציטערט , אונ דאס פנים איז גאר בייא איהם פֿאר ביטען געווארין פון דער שרעק ; אָ דיא אויגען , וואס יעצט פון איין קוק מיט זייא , ווערין מענטשין אָן גיפֿילט מיט דרך ארץ, אונ מיט אבשייא , האבין גאר דענס- מאלט אן גיוואָהרין זייער בליסק ; ער האט גיזיפֿצט אונ האט גיקרעכצט , אט אָדער צינג , וואס יעצט חאפין דיא מענטשין פון רומא , פון איהם דיא ווערטער אזויא וויא הייסע לאָקשין , מען פאר שרייבט זייא , מען פאר צייכענט זייא , אונ מען באמערקט זייא . — האט ער דענסמאלט גיבעבעט : — „טיטיניע גיב מיר א טרינק !" אקוראט עפים וויא אַ שלאף מיידעלע . גאטט ! אָ דער דאזיגער שלאַפֿער מענטש האט אויך באקוממען אזא שטארקין כח , אונ ער איינער גיוועלטיגט מיט דער בכורה אויף דער וועלט !

(אויס גישרייען קולות פון טרובעס) .

## ברוטוס

איך הער ווידער איין אלגעמיינעם אויס גישרייא ! אַ פנים זייא זענין לכבוד ה' צעזאר , מען שיט שוין דארט אויף איהם גאר נאייע טיטולען .

## קאססיוס

ער האט איבער גישפאנט דיא ענגע וועלט אזוי וויא אַ ריז . אונ מיר קליינע מענטשעליך , געהען איהם נאך אויף זיינע טריט , אונ מיר זוכען זיך ערגיץ קברים . נאהר איך זאג דיר אז מענטשין קענין אמאל גיוועלטיגען אויף דעם מזל , אונ זייער אָפּט ליעבער ברוטוס, זענין אונזערע שטערין ניט שולדיג , נאהר מיר אליין מיט אונזער אומזיסטיג אונטערטעניגקייט . אָט איז ברוטוס אונ צעזאר : צעזאר . . . וואס איז אזעלעכס דא אין דעם צעזאר'ן ? פֿאר וואס גיט זיך ארויס שטארקער אָ דער נאמען איידער ברוטוס נאמען ?

שרייב זייא אוים אין איין שורה — וועט ברוטוס נאמען זיין אויך אזויא שיין ; רעד איהם ארוים — קלינגט ער ניט ערגיר אוים, וועג איבער — וועגין זייאביידע גלייך ; פריוו מיט זייא באַשווערין — וועט ברוטוס ארוים רופֿען אַזא שטן אקוראט, אזויא וויא צעזאר. יעצט פֿרעג איך בייא גאטט אליין : מיט וואס פאר איין שפייז האט זיך יוליוס גיהאָדריוועט, וואס ער האט זיך אזויא גיגרויסט איבער אונז, אָח פֿארוואָגילטער דור ! דוא ביסט אַראפ גיפֿאלין אונ מבויש, רומא, דוא האסט אן גיוואהרין דיין בליטיג פֿיינקייט ! צוא האט מען דאס גיהערט אין דער וועלט, פון דעם מבול אן, אז אגאנצער דור פון טויזינדער מענטשין, זאל זיין פֿיעל מיט דעם נאמען פון איין מענטשין ? היינט קענין מענטשין זאגין, אז אין גאנץ רומא וואוינט איין מענטש. אַ דאס איז רומא ? וואס זיא איז פֿיעל מיט איין מענטשין, אויב אזויא ווייזט אוים אז עס איז דא גאהר ווייניג פלאטץ אין רומא ! — וואס זשע האב איך, אונ דוא גיהערט פון אונזערע עלטערין : ברוטוס האט אמאהל גיוואוינט . . . ער וואלט ניט אוים גיהאלטין, אז אין רומא זאל זיין אַזא מושל.

## ברוטוס

קאססיוס, איך ווייס אז דוא האסט מיך ליעב, אונ צוא וואס דוא ביסט מכוון דיינע ווערטער שטוים איך זיך אויך צוא ביסלאך, מיינע גידאנקין וועגין דעם דאזיגען אונ וועגין אונזערע צייטען וועל איך זאגין שפעטער, ניט אצונד ; אונ דיך מיין טייערער פֿריינד ביטט איך, דוא זאלסט דער וו׳יל איבער ליידען פון אלדינג . . . וואס דוא האסט גיזאגט . . . אונ איך וועל אין אַ פֿרייער צייט באטראכטין דעם ענין ; איך בין גרייט שפעטיר אויך צוא הערין : מיר וועלין אָפּ שטעלין אצייט צוא זעהין זיך מיט דיר, אונ ריידען וועגין דעם וויכטיגען ענין. אונ דער ווייל, מיין הויכגישעצטער פֿריינד, זאיי זיכער, אז ברוטוס איז בעסער מרוצה צוא זיין איין פראסטער בויער (МУЖИКЪ), איידער איין תושב

אין רומא אויף אזעלכע שלעכטע פונקטין , אין וועלכע דיא צייט וויל אונז פֿארקאָווען .

קאססיום

איך בין זייער פֿריילִיך , וואס מיינע שוואכע ווערטיר האבין אין דיר אזוי פיעל פֿייער ערוועקט .

(צעזאר קוממט אן מיט זיין סוויטע) .

ברוטוס

דאס לויפֿען האט זיך גיפֿילט, אונ צעזאר האט זיך ארויס גיוויזין .

קאססיום

אז דער עולם וועט דא דורך געהין זאלסט דוא אַ שלעפּ טאן קאסקען פֿארען אַרבעל , וועט ער אונז דערצעהלין מיט זיין זאווע־רער מינע , וואס פֿאר ציקאָווע זאכין זענין עפּיס היינט גיוועזין אויף דיא שפּיעלין .

ברוטוס

נוא גוט , איך וועל פֿרעגין . נאהר , קאססיום גיב עפּיס אַ קוק וויא אזוי צעזארס פנים איז צאָרינדיג , און אלע , דיא וואס געהין מיט איהם זענין אזוי וויא איין איבער גישראקינע טשערעדא , קאלפורניא איז בלייך , בייא ציצערא'ן ברענין דיא אויגין , זייא זענין רויט אונ גלאנצין אונ בלישצין , אזויא וויא בעת דיא סענא־טאָרין רעדין איהם איינקיגען אין קאפּיטאליע .

קאססיום

קאסקא וועט אונז דערצעהלין וואס דארט איז גישעהין .

צעזאר

אנטאניוס !

אנטאניוס

צעזאר ?

### צעזאר

איך וויל האבין ארום זיך אומבאזאָרגטע מענטשין, פּעטע, וועלכע זענין גישלאפין בייא נאכט; קאססיוס איז אויף דעם קוק זייער איידעל און היננירעק! ער טראכט זייער פּיעל . . . אזוינע מענטשין זענין מסוכן.

### אנטאניום

ניין, צעזאר, האב קיין מורא ניט, ער איז ניט קיין מסוכנ׳ער, ער איזט איין פּיינער אונ איין קלינער רימליאנין.

### צעזאר

ווען ער זאל זיין גרעבער . . . אונ ווידער, איך האב דער פּאר קיין מורא ניט; ווען איך זאל האבין אַ טבע פון מורא האבין, וואלט איך זיך פאר קיינעם אזויא ניט גיהיט, וויא פאר קאססיוס׳ן: ער לייענט זייער פּיעל! ער קוקט זיך זייער גוט ציא, צוא יעדין, אונ מיט זיין קליגען קוק נעהמט ער דורך יענעמס אינטירעסין דורך אונ דורך; ער האט ניט ליעב קיין טעאטער שטיק, קיין מוזיקע קען ער ניט ליידען, ער לאכט זייער זעלטין, אז ער גיט אַ שמייכעל, לאכט ער מיט דעם פון זיך אליין, ער פּאר מיאוסט זיין שכל, וואס האט זיך אראפּ גילאזט צוא אַזא נידעריגער זאך. אזוינע מענטשין זענין תמיד אומריהיג, זייא קענין ניט ליידען אז דער אנדערער זאל זיין העכער פון זייא, איבער דעם זענין זייא — מסוכנים. נאהר וואס דארף איך רעדין וועגין דעם, אז אפילו פּאר דעם וואס מען דארף מורא האבין האב איך קיין מורא ניט, איך בין תמיד — צאזער. געה איבער אויף דער אנדערער זייט — איך בין טויב אויף דעם אויער — אונ זאג מיר דעם אמת וואס טראכסט דוא וועגין איהם.

(צעזאר מיט זיין סוויטע געהין אוועק,
קאסקא בלייבט איבער).

קאסקא

עפּיס האסטו מיך איין שלעפּ גיטאן פאר דעם מונדיר, דוא ווילסט מיט מיר עפּיס ריידין?

ברוטוס

זאג אונז, וואס האט זיך גיטראפין היינט, וואס איז עפּיס צעזאר אזויא בעצאָרינט?

קאסקא

דוא ביסט אויך גיוועהן מיט איהם, צוא ניין?

ברוטוס

איך זאל גיוועהן זיין, וואלט איך דאך דיך ניט גיפרעגט וועגין דעם וואס האט זיך דארט גיטראפין.

קאסקא

מען האט אונטער גיטראגין צעזאר'ן, דיא קרוין; האט ער זיא אוועק גישטופּט מיט דער האנד, האט דער עולם מיט גרויס פריידן ארויס גילאזט איין אויס גישרייא!

ברוטוס

וואס זשע פאר א שום איז גיוועהן אין דעם אנדערין מאהל?

קאסקא

טאקע פון דעם אייגינעם.

קאססיוס

מען האט דאך דרייא מאהל אויס גישריגען, וואס זשע האט מען צום דריטין מאהל גישריגין?

קאסקא

אלץ וועגין דעם אייגינעם.

ברוטוס

וויא הייסט, מען האט איהם דרייא מאהל אינטער גיטראגין דיא קרוין ?

קאסקא

יאָ ! דרייא מאהל האט מען זיא איהם אינטער גיטראגין, אונ אלע דרייא מאהל האט ער זיא פון זיך אוועק גישטופט, אלע מאהל שוואכער, אונ בייא יעדין מאהל האבין מיינע פיינע שכנים גאנץ הויך גישריגין .

קאססיוס

ווער האט איהם אונטער גיטראגין דיא קרוין ?

קאסקא

אנטאניוס .

ברוטוס

דערצעהל אונז, ליבער קאסקא, אקוראט וויא אזויא דיא מעשה איז גיוועהן .

קאסקא

לאז מען מיך אויף הייגגין, אויב איך בין אומשטאנד אייך צוא דרצעהלין, עס איז גיוועזן נאר א מין לצנות ; איך האב זיך אויף איהם גאר ווינציג ארום גיקוקט . איך האב נאר גיזעהן, וויא מארק אנטאניום האט איהם דער לאנגט דיא קרוין, — אויף'ן אמת זאגין סע איז ניט גיוועהן קיין קרוין, נאהר — א קריינדיל . אונ אזוי וויא איך האב אייך שוין פריער דערציילט, צעזאר האט זיא אוועק גישטיפט . נאהר מיר האט זיך אוים גיוויזין אז ער האט זיא זייער גיוואלט נעהמין . נאך דעם האט איהם אנטאניום דאס צווייטע מאהל דער לאנגט דיא קרוין, אונ צעזאר האט זיא ווידער אוועק גישטופט ; נאהר וויא מיר האט זיך אוים גיוויזין, האט ער זייער אָן חשק צוא גינומין פון איהם זיינע פינגער . אם ענדע האט זיא

איהם אנטאניוס דאס דריטע מאהל צוא גיטראגין : צעזאר האט זיך ווידער פון איהר אָפּ גיזאגט . נאך יעדער מאהל , וואס ער האט זיך פון דער קרוין אָפּ גיזאגט האט דער פראסטער עולם מיט רעש גישריגין , אונ גיפּלאסקיט מיט דיא הענד , אונ גיוואָרפין אין דער ליפּטען זייערע פאר שווייסיגטע קאָלפּאַקים , פאר פּרייד וואס צעזאר האט דיא קרוין ניט גיוואלט צו נעמין האט דער גאנצער עולם מיט אמאהל ארויס גילאזט אזא פאסקודנעם רוך פון דעם מויל , אז צעזאר איז שיער ניט זאדושעט גיווארין : ער איז גיבליבין אָהן לשון אונ איז גיפאלין , איך האב דווקא גיוואלט זיך גוט אויס לאכין , אזויא וויא סע קומט , נאהר איך האב מורא גיהאט עפּענין דאס מויל , איך זאל ניט איין שלינגין אין זיך דעם פאסקודנעם וואָזדוך .

## קאססיוס

שטייא , איך בעט דיך . דוא זאגסט , אז צעזאר איז גיבליבין אהן אָטהעם ?

## קאסקא

ער איז גיפאלין אויף דעם פלאץ , פון זיין מויל איז ארויס בייא איהם א פיענע , אונ איז גיבליבען אהן לשון .

## ברוטוס

סע איז קיין חידוש ניט : ער האט דאס פּאלינדיג שלאפּקייט .

## קאססיוס

ניין , ער האט ניט דאס שלאפּקייט ; מיר האבין יוא דיזעס שלאפּקייט : איך , דוא אונ דער הויכגישעצטער קאסקא .

## קאסקא

איך ווייס ניט , וואס דוא מיינסט מיט דיא ווערטער ; נאהר צעזאר איז גיפּאלין . האלט מיך פאר איין ליגנער אויב איך זאג א ליגען , אז דיא נידערטראָכטיגע ווייסע חברה , האבין ניט

גיפֿליאסקים מיט דיא הענד , און גיסוויטשעט מיט דיא מיילער אזויא וויא דער אקטאָר אין טעאטר , צוא ווייזין צוא ער איז זייא גיפֿעלין , צוא ניין .

ברוטוס

און אז ער איז צוא זיך גיקומין , וואס האט ער גיזאגט ?

קאסקא

נאך פריער , איידער ער איז חלשות גיבליבין , האט ער באמערקט וויא אזוי דער עולם האט זיך דער פֿרייט אז ער האט זיך אָפּ גיזאגט פון דער קרוין , האט ער מיך אונטען ארום איין שלעפּ גיטאן , און האט מיר איינגירוימט א סוד , אז איך זאל איהם צוא שפיליען זיינע קליידער , און האט געביטין מען זאל איהם איבער-שניידין דעם האלז . נאהר איך האב זיך ניט סאָגלאסעט . נאך דעם איז ער גיפאלין . אז ער איז אביסעל גיקומין צוא זיך , האט ער גיזאגט : „טאמר האב איך גיטאן אזעלכס . . . אדער איך האב ארויס גירעדט ניט קיין שיין וואָרט , ביט איך אז דיא גראזשדאַנעס זאלין מיר מוחל זיין , און אָן הייגנין אז עס איז פאר גרויס אימפעט איבער דעם שלאפקייט . דרייא צוא פֿיער ווייבער , וועלכע זענין גישטאנין נעבין מיר האבין זייא אנגישרייא גיטאן : „אך , הייליגע נשמה !” און האבין איהם מיט זייער גאנצין הארצין מוחל גיוועהן . נאהר אויף זייא איז ניט רא וואס צוא קוקין : אפילו צעזאר זאל פאר זייערע אויגין קוילען זייערע מוטערס וואלטין זייא אויך דאס נעמליכע גיטאן .

ברוטוס

און נאך דעם איז ער אוועק גיגאנגין ווייטער אויך אין אזא שלעכטין אופן ?

קאסקא

יאָ .

קאססיוס

ציצערא האט גאר ניט גיזאגט ?

קאסקא

יָא , ער האט עפּיס גישפּראכין אויף גריכיש .

קאססיוס

פָּארט , וואס האט ער גירעדט ?

קאסקא

אויב איך בין אומשטאנד אייך צוא דרצעהלין , זאל איך ניט דער לעבין זיך זעהין מיט אייך נאך אמאהל . דיעזע מענטשין וועלכע האבין איהם יָא פֿארשטאנין , האבין גילאכט איינער צום אנדערין , זייא האבין אזש פאר וואָרפין דיא קעפּ פון גרויס גילאָב-טער , נאהר בייא מיר האט דאס איין פּנים גיהאט וויא א טארא-בארשצינא (ניט קיין דייטליכע שפּראך) . איך קען אייך דרצעהלין נאך איין נייעס : מאראליוס'ן און פלאוויוס'ן , האט מען פאר שטעקט דיא מיילער דער פאר וואס זייא האבין אראפּ גיריסען דיא פאר פּיטסעכטין פון צעזאר'ס סטאטויען . בלייבט גיזונד , דארט איז פָּאר-גיקומין נאך איין ים ניעפּריאטנע זאכין , נאהר אללעס איז מיר שוועהר צוא גידענקין .

קאססיוס

קאסקא , דוא וועסט עסין היינט מיט מיר אבענדס עסין ?

קאסקא

ניין , איך בין פֿארבעטין , מען האט מיך אוועק גירופין .

קאססיוס

וועסט דוא קומין מארגען צוא מיר מיטטאג עסין ?

קאסקא

אָח, מיט דעם גרעסטין כבוד , אביא איך וועל נאהר דער-
לעבין , נאהר דוא זאלסט ניט משנה זיין וואס דוא האסט גיזאגט ,
אז דיין מיטטאגס עסין זאל ווערט זיין מען זאל איהם עסין .

קאססיוס

נוא , זאל איך ווארטין אויף דיר ?

קאסקא

יאָ , פערבלייבט ביידע גיזונד . (געהט אוועק) .

ברוטוס

וויא אזויא דער מענטש איז אָפּ גיקילט גיווארין ! וויא אזויא
אין חדר איז ער גיוועזן היציג און גייציג .

קאססיוס

ער איז יעצט אויך אזויא גייציג , אז ער דארף איספעלנין
עפים אשווערע נאהר אַפּיינע ארבייט , חאטש אויף'ן קוק ווייזט ער
אוים פּויעל , און גלייך-גילטיג, דאס ציאקראכענקייט איז נאהר אין
איהם אויף איין שטעלין זיינע טייערע גידאנקין , דאס גיבט צוא
זיינע ווערטער גאר איין אנדער ווערט .

ברוטוס

יאָ , אמת . איך וועל אצונד איבערלאזין אליין , און מאָרגין
אויב דוא ווערסט וועלין מיט מיר רעדין, וועל איך צוא דיר קומין ,
אדער קום דוא צוא מיר , איך וועל אויף דיר ווארטין .

קאססיוס

נוא וועל איך צוא דיר קומין, דוא באטראכט זיך דער וויל.

(ברוטוס געהט אוועק) .

יאָ, ברוטוס, דוא ביסט איין פֿיינער מענטש, נאהר איך זעה אז דיין גוטער חאראקטער קען קאָלי ווערין פון פֿרעמדע רייד, דארום דארף מען אכטונג געבין, אז גוטע הערצער זאלין זיך נאהר קאמפאניען מיט זייער גלייכין. ווער איז שטארקער חאראקטער קען יוא באשטיין געגין פאר נאריכטס? מיך האט צעזאר פֿיינד, אונ ברוטוס'ן האט ער ליעב. נאהר ווען איך זאל זיין אויף ברוטוס'ס ארט, אונ ברוטוס אויף מיין ארט, וואלט מיך צעזאר ניט גיקענט פאר שפרעכין. איך וועל זיך סטאַרען היינטיגע נאכט אריין ווארפין צוא ברוטוס'ן אין פֿענצטער עטליכע קוויטעליך, יעדערס מיט איין אנדער פּאַטשעריק, אונטער יעדערין וועל איך חתמינען איין אנדער שטאט בעל הבית, אונ אין דיא קוויטעליך וועל איך אויס מאלין וואס פאר איין טייער מיינונג גאנץ רומא האט וועגין ברוטוס'ן, אונ צוזאממען מיט דעם וועל איך איהם אויס מאָלין צעזאר'ס שלעכטיגקייט — דענסמאָלט — האַלט זיך שטארקער צעזאר! מיר וועלין דיך פון דיין שטיל אראפ ווארפֿין, טאמער ניט — וועט אונז זיין שלעכט!

(געהען אוועק).

---

# 3–טע קארטינא.

טאקע דארטען, דיא גאסס, דונערין אונ בליצען, פון דיא אנדערע זייטען קומט אן קאסקא מיט איין שווערד אין דער האנד, אונד ציצערא.

## ציצערא

וואס מאכסט דוא קאסקא? דוא האסט אָפּ גיפֿירט צעזאר'ן ביז אהיים? וואס קוקסטו עפּיס אזויא מארקאָטנע? וואס האסטו זיך עפּיס אזויא פֿארסאָפּעט?

## קאסקא

איך פאר שטייא ניט וויא אזויא דוא קענסט זיין רוהיג, אז אין דיין גרונד ציטערט אזויא דיא ערד. אוי ציצערא! וואס זאל איך דיר זאגין: איך האב שוין אויף מיין לעבין גיזעהן פֿיל חדוש־ליכע זאכין, למשל: איך האב אמאל גיזעהן אזוינע בורעס, אז דער ווינד האט איין בלאָז גיטאן זענין אוים גיבראכין גיווארין שטארקע אונ אלטע דעמבעס; איך האב גיזעהן אויף'ן גרויסין וועלט־ים אזא חוואלי וואס זיא האט זיך אויף גיהויבין ביז דעם הימעל, נאהר דאס האט זיך מיר קיין מאהל ניט גיטראפין, געהן אונטער איין ווינדיגען פייערדיגען רעגין. א פנים עס איז אשטארקע קריג אויף דיא הימלען? דיא מלאכים קריגין זיך, האבין זייא ערצאָרינט דיא וועלט, אונ האבין אונז איין מפלה אָן גישיקט?

## ציצערא

וואס זשע האסט דוא אזעלכס גיזעהן?

## קאסקא

איך האב גיזעהן, אז איין פּאָראַנע — אויף'ן פנים קענסטו איהם — האט אויף גיהויבין אין דער הייך זיין לינקע האנד, דיא האנד איז גיוועהן אזויא וויא איין פֿלאם פייער אונ האט גיברענט אזויא וויא צוואנציג לאמטערנים, פון דעסטוועגין האט זיא דאס פֿייער ניט גיפיעלט, אונ איז גיבליבין גאנץ. נאך (פון דענסמאלט אן האב איך אוים גישטרעקט מיין שווערד) אין קאפיטאליע האב איך באגעגינט איין ליעווע: האט ער אויף מיר אקוק גיטאן אונ איז זיך בייזערהייט אוועק גיגאנגין וויטער, אונ האט מיך ניט מזיק גיוועהן. נאך דעם בין איך ארויף גיפאלין אויף הינדערט כמעט טויטע פרויען וואס זענין גיוועהן צוואווישין עולם, אונ מחמת דער שרעק זענין פאר דארבין גיווארין זייערע פנים'ער, האבין זייא מיר גישווארין אז זייא האבין אליין מיט זייערע אויגין גיזעהן, וויא מענטשין וואס האבין גיברענט מיט פייער זענין גילאָפֿין איבער דער

גאס הין און צוריק. און נעכטין אין מיטען העלין טאג האט זיך אנידער גיזעצט אין מיטען מארק דער נאכט פויגיל און האט גישריגען. נוא ווען דיא אלע וואונדערליכע זאכין טרעפין זיך גראדע אין איין מאהל, קען מען ניט זאגין, אז „סע איזט נאטירליך, סע דארף אזוי זיין": מיר ווייזט אויס — אז עס איז ניט קיין גוטער סימן.

ציצערא

יאָ, אווינדערליכע צייט; נאהר מענטשין טאָלקאווען אָפּט אזוינע זאכין יעדערער נאך זיין שכל, נאהר אליץ וואס פאסט ניט ניט צוא היינטיגער צייט. צעזאר וועט מארגין קומין אין קאפיטאליע?

קאסקא

ער וועט קומין: ער האט אן גיזאגט אנטאניוס'ן אז ער זאל דיר מודיע זיין, אז ער וועט דארט מארגין זיין.

ציצערא

אגוטע נאכט קאסקא: דער הימעל איז יעצט זייער שטורימדיג, איז ניט גוט שפאצירען.

קאסקא

נוא, געה גיזונד. (ציצערא גייט אוועק, קאססיוס קומט אן).

קאססיוס

ווער איז דאס?

קאסקא

איין רימליאנין.

קאססיוס

וועדליג אין קול איז דאס דאכט מיר קאסקא.

קאסקא

יא, דוא האסט מיך באלד דערקענט אין קול, אח,

קאססיוס , וואס זאגסט דוא אויף דיא היינטיגער נאכט ?

קאססיוס

וואס זאל איך זאגין ? זייער איין איינגינומענע פאר ארענטליכע .

קאסקא

נאהר ווער האט אמאהל גיזעהן , אז דיא הימלען זאלין האבין אזא שרעקליכען וויד , וויא היינט ?

קאססיוס

דער , וואס ווייסט , אז דיא ערד איז אן גיפּיהלט מיט עבירות . אונ איך בין אזויא אן אַ שום מורא גיגאנגין איבער דיא גאססין , אין דעם פּינצטערניש , צוא שפּיליעט אזוי וויא דוא קוקסט מיך אן , מיין הארץ האב איך אוים גישטרעקט גענין דיא דינער-קלעפּ , איך האב זיך אנידער גישטעלט פאר איין ציעלי גענין דיא בליצען , וואס אז זייא הייבין אן בלישצען אונ גלאנצין , ווייזט זיך מיר אוים אז דאס הימעלישע הארץ האט זיך אויף גיעפינט .

קאסקא

אוי גאטט ! וואס ווילסטו אונז אוים פריוען ? דוא ווייסט דאך פון פריער , אז מענטשין זענין גיוואינט צוא ציטערין אז זייא זעהן פון דיר וויגדערליכע זאכין , א פנים אז דיא וויגדערליכע אונ שרעקליכע סימנים זענין דיינע נביאים אונ אויסריפּערס .

קאססיוס

אוי , קאסקא , ביסט דוא אוויכער מענטש ! אין דיר איז גאר גאר ניטא דער לעבינס-פּונק וועלכער דארף זיין בייא איין אמת'ן רימליאנין , אונ אפשר איז ער דא בייא דיר נאהר דוא ווייזט איהם ניט ארויס , דוא ביסט בלייעך , דוא קוקסט אזויא ווילד אונ האסט מורא , אונ ווערסט פּארטימעלט אז דוא זעהסט אויף דעם הימעל אחידושליכע זאך . דוא זאלסט אבער באטראכטין דיא אורזאכע

דער פֿון, וויא נעמין זיך מיט אמאל אזוינע שרעקליכע דינערין און בליצין, און פֿאר וואס ברעכין אלע חיות און פֿויגלען זייער נאטירליכען זאַקאָן, און זייערע נעמען, און אלטע מענטשין, נארישע און קינדער ווערין נביאים; פֿאר וואס האבין זיך דיא אלע זאכין אזויא פֿארביטען, און האבין אָפּ גיטרעטין פֿון זייער גיזעצע און פֿון זייער צוועק, צוא וועלכין מען האט זייא פֿון לאנג בעשטיממט, און האבין גאר באקומין אַזא ווינדערליכען קוק. — וואלסטו דעמאלט פֿארשטאנין, אז דיא הימעלען האבין אין זייא ארײן גיגעבין דעם מאַטיעזשנע גייסט, און האבין זייא גימאכט פֿאר ארודיעס פֿון שרעק, און זיי זאלין נביאות זאגין אויף דיא אומגליקען וואס וועלין אין אגיכער צייט אן קומין. איך וואָלט דיר גיקענט אָן רופֿין איין מענטשין וואס ער איז גלייך צוא היינטיגער שרעקליכער נאכט, ער שטעכט וויא מיט שפיעזין, ערגער וויא דיא בליצין און דינערין, ער עפֿינט אויף קברים, און רעוועט וויא אַ ליעווע אין מיטין קאפיטאלי; מיט פערזאָנליכין קראַפֿט געהט ער ניט איבער, און ער איז גיווארין אַזא מין ווינדערליך באשעפֿיניש און שרעקליך, אזוי וויא דאס ערשיינונג פֿון היינטיגער נאכט.

## קאסקא

דוּא מיינסט אוודאי, צעזאר'ן ?

## קאססיוס

זאל זיין וועמין עס איז, בייא דיא הייגטיגע רימליאנער איז אזוינע אברים און אָדערין אקוראט וויא בייא אונזערי עלטערין, נאהר ווייא איז אונז! אין אונז איז פֿאר שטארבין דער גייסט פֿון אונזערע פֿאָטערס, נאהר דער שלאפֿער גייסט פון אונזערע מוטערס איז אין אונז פֿארבליבין, מיר געהן אונטערין יארמא און ליידען גלייך וויא ווייבער.

## קאסקא

יאָ, אמת איך האב טאקי גיהערט — אז דיא סענאטארין

וועלין מאָרגין מפרסם זיין צעזאר'ן פֿאר קייזער ; ער וועט זיין אימעטים מאַיסטעט, אויף'ן ים אונ אויף דער יבשה.

## קאססיום

נוא, יעצט ווייס איך שוין, וויא הין צוא קערעווין מיין שווערד. קאססיום וועט זיך אליין בעפֿרייען פון דעם יאַרמאָ. דוא, גאטט, גיב דעם שלאפֿין כח, ניט קיין פֿינצטערע טורמע, ניט דיא וועגט פֿון איין קריעפאָסטי, ניט קיין קופערנע צאַממען, ניט קיין אזערנע קייטין זענין אומשטאנד צוא שטילין דעם גייסטליכין אויף בלאָז, איידער מיטשען זיך לעבידיגערהייט אין דיא פֿארוואָגילטע קניפען, בעסער טויטערהייט ניצול ווערין פון זייא.

## קאסקא

איך — אויך אזויא; יעדער גיבינדינער האט רשות זיך צוא בעפֿרייען פון זיינע פֿארבינדונגין.

## קאססיום

דוא מיינסט פֿאר וואס איז צעזאר גיווארין אזא אכזר? איך וועל דיר זאגין: ער וואלט גיווים קיין וואלף ניט גיוועזן, ווען רומא'ר מענטשין וואלטין קיין שעפֿעליך ניט גיוועזן, אונ קיין ליעווע נים — ווען זייא זאלין קיין אינדערן ניט זיין. אז מען וויל צוא פֿיהרען א פֿייער דארף מען אן צינדין שטרויא; היינט וואס איז רומא פֿאר א פאסקוטסטווע, אונ אנידערטראָכטיגע זאך, אז זיא קען אונטער-צינדין, אויף באלייכטין אזא פֿאָדלע באשעפֿיניש, וויא צעזאר? — אָך, צוא וואס צרות ברענגין מיך! עס קען זיין אז איך רייד אלעס פֿאר איין אונטערטעניגין קנעכט, וואס דיענט צעזאר'ן מיט זיין גוטין ווילין. אוי! עס איז טאקי אזויא, וועל איך מוזין פֿאר יעדערווארט באשטראָפֿט ווערין; נאהר איך בין באוואָפֿענט — קען מיך קיין שום סכנה ניט ערשרעקין.

## קאסקא

דוא ריידסט מיט קאסקא'ן, ער איז ניט קיין מסור, אונ נא

דיר מיין האנד , זייא באהארצט אונ קוראזשנע אונ האלט מלחמה מיט דעם שלעכטיגקייט, אונ אכזריות , אונ איך וועל אויך פון דיר ניט אָפּ שטעהן .

קאססיוס

אויב דוא האסט שוין , טאקי אויף'ן אמת , בייא זיך גיפוילט. . . וועל איך דיר דערצעהלין קאסקא נאך עפּיס : איך האב שוין מפתה גיוועזן עטליכע פֿיינע רימליאנים אז זייא זאלין צוא שטיין צוא מיר , אונ טואן מיט מיר צוזאמען אין דעם וויכטיגין עסק , וואס ער איז פֿיעל מיט סכנות נאהר מיט לויב . זייא ווארטין אויף מיר אונטער פּאָמפּעס פידאשעק . היינטיגע נאכט קען מען אין דיא גאסין ניט ארומגעהן ; יעצט איז דיא מאניע פון דעם הימעל זעהר שרעקליך , דער אַויר שמעקט מיט בלוט אונ מיט פֿייער , אזויא וויא אונזער יעצטיגע גידאנקין .

(ציננא קוממט אן) .

קאסקא

ווארט נאהר אויס , קאססיוס ! עפּיס אימעציר געהט מיט גיכע שפּאַן .

קאססיוס

עס איז ציננא ; איך האב איהם אין גאנג דערקענט . העך נאהר , ציננא ! וויהין שפּאַנסטו עס אזויא גיך ?

ציננא

איך זוך דיך , ווער איז דאס ? עס איז ניט צימבער .

קאססיוס

ניין, עס איז קאסקא . — ער איז פון אונזערע לייט . — ציננא , מען ווארט ניט אויף מיר ?

ציננא

איך בין זעהר פֿרייליך . אָך ! וואס פֿאַר איין שרעקליכע

נאכט היינטיגע איז ! עפּיס אימעציר פון אונז האט גיזעהן זעהר ווינדערליכע ערשיינונגין .

### קאססיוס

הער , ציננא , מען ווארט ניט אויף מיר ?

### ציננא

מען ווארט. אך , קאססיוס זאלסט נאך קענין ברוטוס'ן אויך איבערבייגין אויף אונזער זייט . . .

### קאססיוס

זארג זיך ניט, ציננא. אָט נעם דאס פּאַפּיריל אונ לייג דאס אנידער אויף דער באנק וואס נעבין דער פּריסוטסטווע, דארט וועט עס ברוטוס גיוויס גיפונין ; אונ דאס אנדערי קלעפּ צוא מיט וואקס צוא דעם בילד וואס נעבין ברוטוס הויז ; אונ נאך דעם זאלסט דוא קומען צוא פּאמפּיען אונטער דעם פּידאשעק, דארט וועסט דוא אונז גיפונין , דעציוס אונ טרעבאניוס איז דאָרט ?

### ציננא

זייא זענין אלע דארט , חוץ איין מעטעליוס צימבער, ער איז גיגאנגין צוא דיר צוא הויזע . — יעצט וועל איך אוועק גיין גיבער מיט דיא קוויטעליך , מקיים זיין דיין באפעהל .

### קאססיוס

אז דוא וועסט אָפּ טאן דיא ארבייט , זאלסט דוא קומין צוא פּאַמפּויען אין טעאַטער . (ציננא געהט אוועק) . אונ מיר , קאסקא , דארפין זיך זעהן מיט ברוטוס'ן ; דרייא פיערטיל זיינע — זענין שוין אונזערי ; אונ בייא דעם ערשטין באגעגיניש וועט ער שוין זיין אין גאנצין אונזוערער .

### קאסקא

דאס גאנצע פאלק האט איהם הערצליך ליעב ; וואס בייא

אונז ווייזט אוים איין עולה , איז וויא באלד ברוטוס טוהט דאס
געמליכע , אזויא וויא מיט כישוף פֿארשפראָכין , רעכינען זייא עס
פֿאר איין גיטסקייט .

קאססיוס

דוא קלעהרסט וועגין ברוטוס ווערט , אונ וויא אזויא ער איז
אונז נייטיג . נוא , שוין האלבע נאכט , אונ מיר דארפֿין פאר טאג
אויף שטעהן , ענדיגין דעם עסק .

(געהען אוועק) .

---

# צוויטער אַקט

## 1 טע קארטינא .

---

טאקע דארטען , בייא ברוטוס'ן אין גארטען , קומט אן ברוטוס .

ברוטוס

לוציוס ! לוציוס ! איך קען אויף דיא שטערין ניט טרעפֿין וויא
דיא נאכט האלט . לוציוס ! וואס איז דאס דיר אזעלכם ? איך
וואלט א בעלן גיווען איך קענין אזויא שלאָפֿין . . . נוא , וואס איז
דאס , לוציוס ? נוא , שטעה שוין אויף ! לוציוס !

(לוציוס קוממט אן) .

לוציוס

דוא האסט מיך גירופֿין ?

ברוטוס

יאָ , צינד אן בייא מיר אין צימטער א ליכט , אונ אז דוא
ווערסט אָן צינדין זאלסט דוא מיר זאגין .

**לוציוס**

איך הער .

**ברוטוס**

נאר מיט זיין טויט קענין מיר קומין צוא אונזער צוועק . אונ
איך פיהל צוא איהם ניט קיין שלעכטיגקייט ; איך וועל נאהר מכוון
זיין לטובת הכלל . ער וויל דיא קרוין — וויס איך ניט צוא וועט
זיא איבער אָנדערשין זיין חאראקטער ! בעת דיא זאַנגע שיינט
קריכען ארויס אלע שלאנגין , דארפין מיר דענסמאלט קוקין אונטער
דיא פים . קרעהנין איהם ? זעהר שיין — מיט דעם געבין מיר
איהם איין גיפט , אונ דענסמאלט ווען ער וועט נאר וועלין קען ער
אונז מיט איהר שטעכין אין אלע אונזערי אברים . גרויסקייט ברייננט
צוא שלעכטיגקייט . ווייל איך האב אין זיך אביסעל סאָוועסט , מוז
איך זאגין פון צעזאר׳ן דעם אמת , איך האב קיין מאהל אין איהם
ניט באמערקט , אז איבער אַ כבוד׳ל אדער איבער אַ תאוה׳לע זאל
ער אוועק גיין פון דעם אמת . נאר דיא פראַקטיקא לעהרינט אונז ,
אז דיא הכנה , פאר נייע-כבוד-ליבהאבערס , איז אזויא וויא אַ
לייטער : בעת מען קריכט אויף איהם — שטעהט מען צוא איהם
מיט דעם פנים , אז מען געהט שוין ארויף , קערעווייט מען זיך אויס
צוא איהם מיט דיא פלייצעס , אונ מע הייבט תיכף אויף דיא אויגין
צום הימעל אונ מען פאר מיאוסט שוין דיא גימיינע סטאבליעס ,
דורך וועלכע ער איז צוא דער הויך גיקומין . דאס נעמליכע קען
מיט צעזאר׳ן אויך זיין . דארום דארף מען פריער בארעכענין וואס
שפעטיר קיין זיין . אמת , יעצט האט ער ניט אזויא שטארק פיינד
דאס פאלק , נאר לאממיר באטראכטין , אז זיין ווערט וועט גרעסיר
ווערין , צוא וואָסער אקטאַוועע ער קען גרייכין , דארום דארפין מיר
אויף איהם קוקען , אזויא וויא אויף דעם איי פון איין שלאנג :
לאז נאהר פון דעם ארויס געהן דעם פלאָד וועט ער דיר שוין גורם
היזק זיין , מחמת זיין שלעכטער נאטור , וועלין מיר טאקי בעסיר
דערהארגינען דעם שלאנג אין זיין שאָלאָכין .

(לוציוס קומט א.)

לוציוס

איך האב שוין אָן גיצינדין בייא דיר אין צימער א ליכט, און בעת איך האב גיזוכט דעם קרעמין, האב איך גיפֿונין אויף דעם פֿענצטער דיזע בריף; איידער איך האב זיך גילייגט שלאָפֿין גידענק איך גוט אז איך האב זיא ניט באמערקט.

ברוטוס

געה, לייג זיך נאך אמאהל שלאָפֿין — עס איז נאך ניט טאג. מאָרגין איז ניט יודוס מארטאָ?

לוציוס

איך ווײם ניט.

ברוטוס

טאָ, גיעב א קוק אין לוח און זאג מיר.

לוציוס

באלד.

ברוטוס

יעצט בייא דער שיין פֿון דיא מעטיעאָרען, וואס שווישצען אין אויר, איז גרינג צוא לייענין. (ער עפֿינט דיא בריעף און לייענט)
„ברוטוס, וואס שלאָפֿסט דוא! חאפ זיך אויף פֿון דעם שלאָף, ער-קעהן זיך, גישיקט זיך אז רומא דארף . . . הייב אויף הויך דיין קול, מאך עפיס איין אינדרוק, ראטעווע! — וואס שלאָפֿסטו, ברוטוס? חאפ זיך אויף!״ אזעלכי ארוים רופֿין גיפֿין איך אָפֿט. גישיקט זיך אז רומא דארף . . . העכער דיין קול, נעם איין, זאיי מציל!״ מען רופֿט מיך צוא חילף, אוי, רומא! דיר זאג איך דאס צוא, און אויב מיר וועט אוים קומין דיך מציל זיין, וועסטו ערהאלטין אלם, וואס דוא האסט גיבעטין, אלם וואס עס איז מעגליך אין ברוטוס כח!

### לוציום

דער פינפענצטער מארט קומט אָן .

(מען הערט עפיס איין קלאפ) .

### ברוטום

נוא , גוט . געה צום טויער אימעציר קלאַפט דארט . (לוציום געהט אוועק) איך בין ניט גישלאפין פון דער צייט , וואס קאססיום האט מיך אָן גיוואפינט אויף צעזאר'ן : דיא גאנצע צייט פון דעם ערשטין שפאן ביז דעם מקיים זיין דעם שרעקליכין עסק איז אזויא וויא א מין פאַרשטעלונג , אזויא וויא א חלום מיט א ליארעם ; דא האלט א נשמה מיט א טויטען גוף איין צואה , אונ איין מענטש אזויא וויא איין גאנצע מלוכה פיעל מיאטיעזשניקעם לאזין איהם ניט רוהען . (לוציום קומט אן) .

### לוציום

דארט שטעהט דיין ברודער קאססיום בייא דער טיער , ער וויל ריידין מיט דיר .

### ברוטום

ער אליין ?

### לוציום

ניין , ניט אליין , מיט איהם איז נאך דא מענטשין .

### ברוטום

ווער זענין זייא ? דוא קענסט זייא ניט ?

### לוציום

ניין , איך ווייס ניט : זייא געהן אראפ גיריקט דיא היטלען איבער דיא אויערין , אונ דיא פנים'ער זענין פארדעקט ביז העבער האלב , אז מע קען זייא באין אופן ניט דרקענין .

### ברוטוס

לאזין זייא ארײן געהן . (לוציוס געהט אוועק) עס איז א פנים
דיא מיאטיעזשניקעס . אך , מיאטיעזש ! אין א פינסטערע נאכט
שעמסטו זיך אויף דעקין דיין שרעקליכין שטערין , וואס דענסמאלט
איז פאר גנבים אונ גזלנים דאס בעסטע פרייהייט . אויב אזוי , וויא-
זשע וועסט דוא גיפינען בייא טאג איין באהעלטיניש , אז דוא זאלסט
באהאלטין דיין ווינדערליכע צורה ? אי זיך גאר ניט ; דעק איהם
צוא מיט א גילעכטער אונ מיט א חניפה'לע ; אויב דוא טראכסט
ארום געהן מיט א נאטירליכין קוק וועט דיך אפילו דאס פינצטערניש
פון מצרים אויך ניט מציל זיין פון קיין חשד !

(קוממען אן קאססיוס , קאסקא , דעציוס , ציננא ,
מעטעליוס אונד טרעבאניוס) .

### קאססיוס

א גוט מארגין , ברוטוס ! מיר האבין דיך אויף גיוועקט , עס
קען זיין , מיר זענין אפשר ניט גיקומין אין דער צייט ?

### ברוטוס

איך בין א גאנצע נאכט ניט גישלאפין , עס איז שוין א שעה
אז איך בין אויף גישטאנין . קאססיוס , דיא אלע מענטשין וואס זענין
גיקומין מיט דיר , זענין פון מיינע בעקאנטע ?

### קאססיוס

יא , דוא קענסט זייא אלע . דא איז ניטא איין מענטש ניט
וועלכיר זאל דיך ניט עהרליך האלטין . אונ א דיא אלע , ביז
איינעם , ווילען אז דוא זאלסט וועגין זיך האבין אזא מיינונג , אזויא
וויא יעדער פיינער רימליאנין האט וועגין דיר . דאס איז — טרעבאניוס .

### ברוטוס

איך פרייא זיך מיט איהם .

קאססיוס

דער איז — דעציוס ברוטוס .

ברוטוס

איך פֿרייא זיך מיט איהם אויך .

קאססיוס

דער איז — קאסקא , אָט איז — צינגא , דער איז — צימבער .

ברוטוס

מיט זייא אלע פֿרייא איך זיך זעהר . זאגט מיר איך ביטט אייך — וואס פאר ווייכענדיגע דאגות שטעהן צווישען דעם נאכט-שלאף אין אייערי אויגין ?

קאססיוס

דוא ווערסט מיר ערלויבין דיר צוא זאגין צווייא ווערטיר ?

(מע שושקיט זיך) .

דעציוס

אָט , אדאָ איז מזרח ; עס איז שוין באלד טאג .

קאסקא

ניין , דעציוס .

צינגא

איך זאג — אז יאָ ; אין דיא בלאָהע פאסין וואס אויף דעם הימל קען מען דערקענין אז סע איז שוין באלד טאג .

קאסקא

זייט זיך מודה , אז איהר האטביידע א טעות גיהאט ; אָט דא , וויהיען איך האב גיוויזין מיט דער שפיז , געהט אויף דיא זאָננע. אויב מע וויל גוט בארעכינין דיא צייט פֿון דעם יאהר, בייגט יא זיך יעצט אויף דרום זייט ; און אין צווייא חדשים ארום — ווערט

זיא זיך אויף הייבין אויף צפון, און דיא ערשטע שטראלען פון דעם טאג וועלין זיך דארט באווייזין; דער אמת'ער מזרח — איז אנטקעגין אונז, אין דער אייגינער זייט וויא דיא קאפיטאליע.

## ברוטום

גיבט מיר איינציגוויים, יעדער באזונדער דיא האנד.

## קאססיום

און מיר וועלין זיך באשווערין, אז מיר זאלין מקיים זיין וואס מיר האבין בייא זיך גיפויעלט.

## ברוטום

ניין, באשווערין דארף מען זיך ניט. אז דיא שאַנדע איז פֿאר אונזערי אויגין, און דיא ליידען פון דער אומגליקליכער צייט ליגען בייא אונז אין הארצין, וועט עס אונז ערוועקין צוא דער ארבייט... אָן אַ שבועה. לאָממיר זיך ציא געהן יעדערער צוא זיך אהיים, און זיך אנידער לייגין אָפּ רוהין. איך בין פֿאר זיכערט אז עס איז שוין דא גענוג פֿייער אין אונזרע הערצער, מיר קענין אָן צינדין אפילו גאר קאַלטבלוטיגע און איבער גישראקינע מענטשין, מיט אונזער שטארקייט קענין מיר אפילו דעם ווייבערשין שלאפין גייסט אויף שטארקין, — היינט וואס נאך פאר ערוועקונגין דארפֿין מיר צום מיאטיעזש האבין? מיר זענין גענוג ערוועקט, וואס פאר ערבות דארפֿין מיר, חוץ ווערטיר? וועלכע מיר, רימליאנעם, האבין איינער מיט דעם אנדערין גירעדט; וואס פאר שבועות דארפֿין מיר? אז מיר האבין איין מאהל בייא זיך גיפויעלט, אדער גרויכין צוא אונזער צוועק, אדער אָפּפֿערין מיט לייב און זעלע. ניין, לאזין זיך שווערין דיא גלחים, און דיא איבער גישראקינע, דיא צווייא-פנים'דיגע, און דיא אלטע מענטשין וואס האבין ניט קיין כח און ניט קיין יאָהרין, אדער גאר פאַדלע מענטשין. מיר וועלין אָן קיין שבועה אויך ניט וועלין פֿאר פֿלעקין אונזער שיינעם פלאַן. יעדער טראָפּפֿין בלוט פון אונזרע אָדערין וועט זיין זינדיג, אויב מיר וועלין

משנה זיין אפילו א $^1/_{100}$ חלק פון אונזער נדר .

קאססיום

מיר וואָלטין זיך באדראפט דער פרעגין, וואס פאר א גידאנק האט ציצערא וועגין דעם ? איך רעכין אז ער וועט אונז שטארק אונטער האלטין .

קאסקא

מיר וועלין איהם ניט אָפּ לאזין .

ציננא

גיוויינליך .

מעטעליום

מען דארף דיא זאך גוט באקלערין . זיינע זילבערנע האר וועלין צוא אונז צוא בייגען דאס קהל'שע מיינונג, אונ דיא הסכמה פון פיעל מענטשין אלע וועלין זאגין : אז דעם גאנצין פראָציעסס האט ציצערא'נס חכמה גיפירט ; אויף אונזער יונגען שכל אונ אויף אונזער פלעטין וועט מען גאהר ניט קוקין , זיין וויכטיגקייט וועט אלס בעשיינען .

ברוטוס

ניין, מיר וועלין פאר איהם דעם ענין ניט מגלה זיין, ער וועט ניט צוא שטעהן צוא קיין שום עסק , וואס אנדערע האבין איהם פאָרגינומין, ניט ער .

קאססיום

נוא , וועלין מיר איהם איבער לאזין .

קאסקא

אמת , ער טויג טאקי ניט .

דעציום

דאס איז אויך א פראגע : צוא דארפין מיר נאהר צעזאר'ן

אראפּ ווארפֿין , אונ קיין אנדערין נימ אָן ריערין ?

## קאססיוס

דוא האסט טאקי זייער גליך גיפֿרעגט , דעציוס , איך זאג וויא באלד אז מען וועט צעזאר'ן טייטען , איז ניט גלייך , אז מען זאהל מארקוס-אנטאָניוס'ן , צעזארס גיליבטין , לאזין לעבין , איך גיפיען אין איהם , אז ער איז אונזעריר אַ בלוטיגער פֿיינד . איהר זאלט וויסין אז ער וועט נאהר וועלין באווייזין אלע זיינע מיטלין , קען ער אונז אָן מאכין פיעל קאָפּ-דרעהיניש , אונ אויב מיר ווילין דאס שלעכטיגקייט פֿריהער באווארינען , לאז צוזאמין מיט צעזאר'ן פֿאַלען אנטאניום !

## ברוטוס

ניין אזויא וועט שוין זיין זעהר אַ בלוטיגער עסק — אז מען נעמט אראפּ דעם קאפף , אונ מען האקט אפּ דיא אברים , צו וואס דארף מען נאך זיין איין אכזר אויף'ן טויטין קערפּיר ? אנטאניוס'ן דארף מען ניט הארגינין , בכדי מען זאל אונז ניט אָן רופֿין — קצבים , מיר ברענגין דאך אַ קרבן . לאז דיא גאנצע וועלט וויסין , אז מיר זענין געגין צעזארס גייסט (духъ) אויף גישטאנין , אונ אין דער נשמה פון איין מענטשין איז קיין בלוט ניטא . ווען מיר זאלין צעזאר'ן ניט הארגינען , וואלטין מיר גיקענט מיט זיין גייסט גיוועל-טיגען ! נאהר ער , אוי ווייא ! — ווייל ער האט אזא גייסט מוז ער מיט דעם בלוטיגין טויט גיטייט ווערין . לאמיר זיך באהארצין , אונ לאמיר הארגינין , נאהר אן כעס , אזויא וויא אַ קרבן , וואס מען ברינגט פאר גאט , מיר וועלין איהם אויף שטיקליך ניט צוא רייסין , אזויא וויא איין טויטער גוף , וואס מען ווארפֿט פאר הינגי-ריקע הינד , זייא זאלין איהם אויף פֿרעסין , לאמיר זיך באגעהן אויף אזא אופן , אז מענטשין זאלין זאגין , אז דאס וואס מיר האבין אָפּ גיטאן איז זייער רעכט אונ נייטיג , ניט חלילה שלעכט , מען וועט אונז ניט אָן רופין רוצחים אדער גזלנים — נאר רעטערס וואס האבין מציל גיוועז פֿיעל מענטשין , מארק-אנטאניום ? . . . טראכט גאהר

ניט וועגין איהם , ער איז ניט קיין גיפֿעהרליכער מענטש, אקוראט וויא צעזאר'ס האנד איז ניט שרעקליך , ווען מיר וועלין איהם דיא קאפף אָפּ האקין .

קאססיוס

איך האב אבער מורא פֿאר איהם; בייא איהם אין הארצין איז זייער איין גיווארצילט איין היים ליבשאַפֿט צוא צעזאר'ן .

ברוטוס

טהייערע קאססיוס! לאז איהם צוא רוה. אלס וואס ער קאן טואן , קאן ער נאך זיך טואן ; ער קאן זיפֿצען אויף צעזאר'ן , עס קאן זיין , אז ער וועט שטארבין פֿון צרות ; איז שוין גאנץ גענוג פאר איהם , וואס ער האט תמיד ליעב גיהאט לעבין איין פֿרייליך לעבין צווישין איין פֿרייליכער גימיינדע .

טרעבאניום

ער איז ניט קיין שרעקליכער מענטש . ניין לאז מען ניט הארגינין אנטאניוס'ן; ער וועט לעבין אונ וועט אליין דערפֿון לאכין .

(דער זייגער קלינגט).

ברוטוס

שטילער! דער זייגער קלאַפּט, ציילט וויא פֿיעל קלינגט ער .

קאססיוס

ער האט גיקלינגין — דרייא .

טרעבאניום

סע איז שוין צייט , מיר זאלין זיך צוא גיין .

קאססיוס

איך בין מסופק, צוא צעזאר וועט קומין ; פֿון אַ קורצער צייט

אָן , גלייבט ער זייער אין נארישקייטין , האט ער אָפּ גיטרעטין פֿון
זיין מיינונג וועגין ווינדערליכע אונ שרעקליכע זאכין . איך רעכין אז
ער וועט היינט ניט זיין אין קאפּיטאָליע מחמת ער איז זייער איבער-
גישראקין פֿון דער שרעקליכער נאכט , אונ פֿון דעם וואס דיא
אווגורען האבין איהם פֿיר גיזאגט .

## דעציוס

האט קיין מורא ניט, איך וועל מיט איהם דורכקומען , ער
האט זייער ליב אז איך שמועס מיט איהם, אונ דער צעהל איהם :
אז „מיר חאַפּין הערשין מיט אַ שייט האָלץ , לייבען מיט אַ
טיעניעטא (נעץ) , בערין מיט שפּיגלען , עלעפֿאנטין — דורך
גריבער , מענטשין — מיט חניפהניקעס" אונ איהם זאג איך , אז ער
האט פֿיינד חניפה, מיינט ער , אז איך מיין אין אמת'ן אזויא , ער
פֿאר שטעהט ניט אז איך אליין מאַך איהם אַ חניפה'לע אין דיא
אויגין , אונ אונטער דיא פלייצעס שטעל איך איהם גאר צעהן פֿיי-
גען , אַביא איהם אריין חאַפּין אין דער נעץ . אכלל , גיט איבער
דיעזע ארבייט אויף מיר, וויא אזויא איך וועל איהם אָן סטראָיען אזויא
וועט זיין. איך וועל איהם גיוויס ברענגין אין קאפּיטאָליע.

## קאססיוס

ניין , אלע זאלין געהן נאך איהם .

## ברוטוס

ארום אַכט אַ זייגער ? ניט שפּעטער ?

## ציננא

יאָ ; נאר סע זאל זיין רעכט .

## מעטעליוס

אונ קאַיוס ליגאַריוס ? איהר האט גאר אָן איהם פֿארגעסין ?
ער איז אויך ברוגז אויף צעזאר'ן דער פֿאר וואס ער האט איהם אַ

מאהל גיגעבין אַ פסק , ווייל ער האט גילויבט פּאָמפּיוס׳ן .

ברוטוס

געה דוא מעטעללוס צוא אים , אונ שיק איהם אהער צו, ער וועט גיוויס קומין ווארום ער האט מיך זייער ליעב .

קאססיוס

סע איז שוין טאג , מיר ווערלין דיך איבער לאזין ברוטוס . לאמיר זיך צוא געהן , נאר פֿארגעסט ניט וואס (צוא דיא איבעריגע) איהר האט גיזאגט , ווייזט אז איהר זענט רימליאנעם .

ברוטוס

מיינע גוטע אונ טהייערע פֿריינד , איהר זאלט כסדר קוקען מיט אַיין גוטען אונ מיט אַ פֿריילּיכין קוק , אז דער קוק זאל ניט אוים זאגין וואס דיא גידאנקין טראכטין ; מיר וועלין שפּילען דיא ראָלע , אזויא וויא רומא׳ר אקטאָרען , רוהיג אונ איינגינעמין , ניט מיט קיין מיאטיעזשנע גייסט. געהט אלע גיזונד ! (אלע חוץ ברוטטוס געהן אוועק) לוציוס ! לוציום ! מיין דיענער — שלאפֿסט ? שלאָף , זעט זיך אָן מיט דעם זיסין שלאף ; אַ פּנים דוא טראגסט ניט אויף דיין מוח אזויא פֿיעל דאגות אונ צרות , אז זייא זאלין דיר פֿארדרייען דעם קאפּף , אז דוא זאלסט ניט קאנען שלאפֿין אזויא וויא איך ; אונ איבער דעם שלאָפֿסט דוא אזויא גישמאק .

(פארטיא קומט אן) .

פּאָרטיאַ

ברוטוס !

ברוטטוס

פארטיא , דוא ביסט ניט גיזונד , אונ ביסט אזויא פֿריא אויף גישטאנין , גאנץ פֿריא איז דער אַויר זייער קאַלט אונ נאַס , קאן דיר חלילה שאטין צום גיזונד .

### פארטיא

דוא אויך דאס נעמליכע ברוטוס . עפיס ביסט דוא היינט שטילערהייט ארויס גיגאנגין פֿון אונזער שלאף צימער . און נעכטין ביים אבענדס-עסין , ביסטו פליצלום ארויס גישפרינגין פֿון דעם טיש , און האסט אָן גיהויבין ארום גיין איבער דעם צימער , דוא האסט גיזיפֿצט , און גיבראכין דיא הענד , דוא האסט גיטראַכט וועגין עפיס . . . אז איך האב גיפֿרעגט — וואס באטייט עס, האסט דוא אויף מיר אַ בייזין קוק גיטאן , און אז איך האב דיך נאך אמאהל גיפֿרעגט האסטו אזש אַ טאפע גיטאן מיט דיא פֿיס , זיך אַ קראַץ גיגעבין אין פאטעלעצע ; און אויף דעם דריטטין מאהל — האסטו גאר ניט גיענטפֿערט , נאר מיט כעס האסטו מיר אוויז גיטאן מיט דער האנד — איך זאל ארויס גיין , בין איך ארויס גיגאנגין , איך האב זעהר מורא גיהאט איך זאל דיך נאך מעהר ניט צוא רייצען , ווערליג דוא ביסט גיוועזין היציג אין כעס ; איך האב גימיינט , טאָמער ביסט דוא ניט יעצט , אין גיוועגליכין גייסט , אזויא וויא עס טרעפֿט זיך אמאהל יעדין מענטשין . נאר דוא עסט ניט , דוא שלאָפֿסט ניט , און רעדסט ניט , איך זאג דיר דעם אמת , ווען דיינע דאגות זאלין אזוי ווירקין אויף דיין גוף אזויא וויא אויף דיין נשמה , וואָלט איך דיך שוין גאר ניט דערקענין . זאג מיר, מיין טהייערער , דיא אורזאכע פֿון דיין עגמת-נפש .

### ברוטוס

איך בין ניט מיט אלעמען גיזונד ; אַ דאס איז גאר דיא אורזאכע .

### פארטיא .

ניין , ברוטוס האט שכל ; ווען ער זאל זיין הלילה ניט גיזונד , וואלט ער זיך אן גיהויבין קורירען .

### ברוטוס

איך וויל טאקי אזויא טואן . געה מיין פֿרויא , און לייג זיך שלאפֿין .

### פארטיא

דוא ביסט דאך ניט גיזונד, אונ דוא גייסט צוא לאוט או
צוא שפיליעט עס קאן חלילה שאטין, מע קאן זיך גרינג פֿארקילין
דוא ביסט ניט גיזונד, איך פֿרעג אליין, האסטו דיא ווארימע בע
אוועק גיוואָרפֿין, איך זאל גאר ניט וויסין, אונ געהסט ארום אי
דרויסען אין אזא קאלטער נאכט, וואס אפילו א גיזונטער מענט
קאן זיך אויך פֿארקילין, בפרט נאך א שלאָפֿער? ניין מיין ליבע
ברוטוס, דוא וועסט מיר ניט איינרעדין, דיין גוף איז גיזונד, נא
דיין נשמה איז שלאָף. יעדעס ווייב מוז וויסין איהר מאנס שלאָפֿ-
קייט, דארום באשווער איך דיך מיט אונזער ליבשאַפֿט, וואס מי
האבין שוין גאנץ לאנג צווישין זיך, אונ בייא אונזערע קדושין וועלכ
האבין אונזביידע פֿאר איין מענטשין גימאכט, אז דוא מוזט מי
זאגין, אונ ענטדעקין, פֿון וואס ביסטו אזוי כסדר באקימערט, וואס
פֿאר מענטשין זענין בייא דיר דא גיוועז, — זעקס צוא זיבען פער-
זאָנען, וואס אפילו אין א פֿינסטערע נאכט האבין זיי זייערע פנים'ע
פֿאר שטעלט.

(פארטיא פאלט אויף דיא קניען).

### ברוטוס

שטייא אויף, פארטיא, שטייא אויף! מיין טייערע פֿרויא.

### פארטיא

ווען דוא ברוטוס, זאלסט זיין אפֿיינער, וואלט איך גאר אויף
מיינע קניעס ניט גיפֿאלין. זאג מיר נאר ברוטוס, אין אונזער חתונה
תנאים איז טאקי דייטליך אויס גישריבין דער פונקט, אז איך טא
פֿון דיינע סודות ניט וויסין? א פנים דוא האסט זיך מיט מיר פֿאר-
בינדין נאר אויף איינגע זאכין, למשל: איך דארף זיך מיט דיר
טיילין, מיט דעם בעטט, אונ שפייז, צייטען וויים. עס איז גיקומי
דיא צייט איך מוז דיר זאגין: אז איך זעה ארויס אז איך בין פֿון דיי
הארץ גאנץ ווייט, אוי, אויב אזוי, מעגין מענטשין זאגין אז פארטיא
איז ברוטוס סאָדערזשאַנקא, ניט זיין אייגען ווייב.

### ברוטוס

ניין, דוא ביסט אין גאנצין מיינע, אונ איך דיינער, מיין ליבע פֿרויא, דוא ביסט בייא מיר טייער אזויא וויא מיין בלוט אונ פֿלייש.

### פארטיא

אוי! עס זאל זיין אמת אזויא וויא דוא זאגסט, וואָלט איך פֿון אלע דיינע סודות גיוויסט. אמת, איך בין טאַקי אַ נקבה, נאר דוא אליין האסט דאך מיך, זיך פֿאַר אַ פֿרויא אויס גיקליבין, איך בין טאקי אַ פֿרויענצימער נאר איך בין — קאַטאָנס אטאכטער! מיט מיין פֿאטער קאטאָן אונ מיט מיין מאנן ברוטוס בין איך אַ ביסעל שטארקיר פֿון אנדערע פֿרויענצימער: ברוטוס! ענטדעק מיר דיינע פֿאַרזאָטצונג. איך וועל זייא פֿאַר קיינעם ניט מגלה זיין; מיין שטארקין גייסט האב איך שוין איין מאהל באוויזען; איך האב מיט מיין גוטען ווילין מיין קריזש גיראניעט, אונ איך האב דעם וויטיג מיט גרויס ערטראגונג אויס גיליטין, וועל איך מיין מאַנס סודות אויך קענין איבער טראגין אונ קיינעם ניט ענטדעקין.

### ברוטוס

אוי, גאטט! גיב מיר קראַפט איך זאל ווערט זיין מיין פֿיינע פֿרויא. (מען הערט קלאפין אין טיער) טסס! הער! אימעצער קלאַפט אין דער טיער. פארטיא, געה ארויס אויף אקליינער צייט, אונ נאך דעם וועל איך פֿאַר דיר ענטדעקין מיין הארץ; איך וועל דיר דערצעהלין מיינע דאגות, אונ אלע סודות, וועסטו וויסין וואס איך בין אזויא אויף׳ן פנים באצאָרענט, לעת עתה געה גיכער ארויס.

(פארטיא געהט אוועק, לוציוס אונ ליגאריוס קוממען אן).

### ברוטוס

לוציוס, ווער איז דארט?

### לוציוס

עפּים אַ קראנקער מענטש וויל זיך מיט דיר זעהין.

ברוטוס

אהאָ ! עס איז קאַיוס ליגאַריוס, וואס מעטעללוס האט מיט מיר וועגין איהם גירעדט. געה אוועק פֿון אונז לוציוס, נוא, וואס וועסט דוא זאגין קאַיוס ליגאריוס ?

ליגאריוס

בעעהר מיך, צוא נעמין פון מיינע שלאָפֿע ליפּפען איין גוט מאָרגען .

ברוטוס

אַך, סע איז זייער ניט גוט, וואס דוא געהסט ארום גיבינדין ! דוא זאלסט יעצט ניט זיין שלאַף, טהייערער קאַיוס !

ליגאריוס

אין בין ניט קראַנט, איך קאן טואן אלם וואס ברוטוס וועט אויף מיר שאפֿען .

ברוטוס

הער וואס איך וועל דיר זאגין, אויב דוא ביסט אויף דיא אויערען ניט שלאַף .

ליגאריוס

מיין שלאַפֿקייט וועל איך יעצט פֿון זיך אַראפּ ווארפֿען, דאס שווער איך בייא גאטט ; דאס האַרץ פֿון רומא ! דאס טייערע איינִיקעל פֿון גרויסאַרטיגע עלטערין ! אזויא וויא אַ כשוף מאַכער דורך שפרעכין, אזויא האסטו מיין טויטען גייסט ערוועקט . וואס דוא וועסט הייסען — בין איך גרעהט צוא טואן, אפילו אזעלכעס וואס קאן ניט זיין, וואס זאל איך טואן ?

ברוטוס

טוא אַזא אַרבייט, וואס וועט היילען קראנקע .

ליגאריוס

עס איז ניטא אזעלכע גיזונטע, וועלכע מיר דארפֿען קראנק מאכין ?

### ברוטוס

עס איז דא אזוינע אויך . וואס , ווענען , און וויא אזויא מיר דארפען טואן — וועל איך דיר איבערין וועג זאגין .

### ליגאריוס

לאמיר געהן גיכער . וואס מע וויל פֿון מיר — ווייס איך ניט , נאר עס איז גענוג פֿאר מיר וואס ברוטוס פֿיהרט מיך .

### ברוטוס

נוא , געה נאך מיר !

(געהען אוועק) .

## 2—טע קארטינא

(אין צימער בייא צעזאר'ן אין הויז , דונערין און בליטצען , צעזאר קומט אן אין דיא נאכט קליידער) .

### צעזאר

ניט דער הימעל , ניט דיא ערד האבין היינטיגע נאכט קיין רוה גיהאט . און דרייא מאהל האט מיין פֿרויא פֿון דעם שלאָף גישריגען : „העלפֿט ! ראטאוועט ! אוי ! מע שנייט צעזאר'ן !” — ווער איז דאָרט דא ? (דער קאמערדיענער קומט אן) זאג דיא גלחים לאזין זייא מקריב זיין קרבנות . און גיב מיר איבער זייער ענטפֿער .

### קאמערדיענער

איך געה . (קאלפורניא קומט אן)

### קאלפורניא

צעזאַר דוא ווילסט טאַקי געהען ? ניין צעזאר , דוא דארפֿסט היינט ניט ארוים געהן פֿון הויף .

### צעזאר

איך וועל דוקא געהן , איך האב פֿאר קיין סטראַשילידעס קיין

מורא ניט ! זייא קוקען נאר אויף מיר פֿון ווייטענס . אז זייא ווערין דערזעהען צעזאר'ן אין פנים , ווערין זיי אלע אַנטרינען ווערדין .

קאלפורניא

צעזאר , איך גלויב קיין מאהל ניט אין סימנים , נאר יעצט האב איך מורא פֿאר זייא . איך רייד שוין גאר ניט פֿון דעם , וואס מיר אליין האבין גיזעהן אונ גיהערט . נאר וואס דיא סטראַזשעס האבין מיר ערשט דערצעהלט , וואס פֿאר וויגדערליכע אונ שרעקליכע זאכין זייא האבין בייא נאכט גיזעהן . איך האב גיהערט אז לייבין האבין אין מיטען גאס קינדער גיהאט , אז קברים האבין זיך פֿון זיך זעלבסט אויף גיעפֿינט , אונ האבין פֿון זיך דיא מתים ארוים גיווארפֿין ; פֿיעל פֿייערדיגע גבורים , גאנצע שירות , האבין זיך אויף דיא וואָלקענים גישלאָגין , אזויא וויא אויף אַ שלאַכט-פלאטץ , אונ זייער בלוט האט גירונען , אויף דער קאפיטאליע ; דער רעש פֿון דיא הריגות האט וויא אַ ווינד אין אַויר גיבלאָזען , מען האט גיהערט וויא דיא פפֿערד האבין גיהירזשעט , טויטע מענטשין האבין גיזיפֿצט , אונ צוזאממען מיט דיא קולות אונ מיט דיא גישרייען געהן ארום איבער דיא גאַסין שדים אונ רוחות , אוי , צעזאר ! סע איז אלץ ניט קיין גיוויינליכע זאכין , אזוינע וויגדערין שרעקין מיך שרעקליך .

צעזאר

פֿון גאטט קאן מען זיך ניט באווארענין . איך וועל געהן , אונ ווידער אַז דיא אלע סימנים ווייזען אויף אלע באשעפֿינישען פֿון דער וועלט , ניט נאר אויף מיר אליין .

קאלפורניא

איידער איין אָרימאַן שטארבט זעהן מיר ניט קיין שום קאַמעט , אונ פֿאַר'ן גיוועלטיגערס טויט זעהן מיר וויא דיא הימלען ווערין רויט וויא פֿייער .

צעזאר

איבער גישראקינע מענטשין שטארבין עטליכע מאהל נאך

פֿארין טויט און איין פֿעסטער מענטש שטארבט איין מאהל . פֿון אלע ווינדערליכע זאכין וואס איך האב גיהערט , איז מיר איין זאך אַ חידוש , וויא אזויא קאנען מענטשין מורא האבין , אז מען ווייסט פֿריעהר , אז דער טויט מוז סוף כל סוף קומען אין דער אָפּגישטעלטער צייט . (דער קאמערדיענער קומט אן) וואס האבין גיזאגט דיא אַווגורען .

## קאמערדיענער

אז דיא דאַרפֿסט היינט ניט ארויס געהן , זייא האבין ארויס גינומען דאס אינעווייניגסטע פֿון דיא קרבנות, און האבין דאס האַרץ ניט גיקענט גיפֿינען .

## צעזאר

דאס האט גאט בכיון גיטאן , מבייש צוא זיין דיא איבער- גישראָקינע : צעזאר וואלט גיוועזן איין נידערטראַכטיגער מענטש ווען ער זאל פֿאר שרעק איבער בלייבין אין דער היים . נאר צעזאר וועט דאס ניט טאן . דער שרעק אליין ווייסט אז צעזאר איז שרעקליכער פֿון איהם . איך מיט איהם — זענין צווייא לייבען , מיר זענין אין איין טאג גיבאָרען גיווארין , נאר איך בין עלטער , און שרעקלי- כער . ניין , איך וועל געהן .

## קאלפורניא

אוי , ווייא ! צעזאר , דיין אַיינשטעלונג איז גובר דיין חכמה . איך היים דיר ניט געהן , נאר אויב דוא ביסט אזוי בויקע, לאָז דיך מיין שרעק ניט לאזין געהן . . . מיר וועלין שיקען אנטאָניוס'ן אין דער סענאטאָריע זאגין אז דוא ביסט היינט ניט גיזונד . ערלויב מיר וועל איך פֿאַלען אויף דיא קניעס פֿאר דיר , און וועל דיך ביטען .

## צעזאר

נוא , לאָז זיין אזויא , לאז מארקוס אנטאָניוס זאגין אז איך בין ניט גיזונד ; צוא ליב דיר — פֿערבלייב איך . (דעציוס קומט אן) אָט איז דעציוס ברוּטוס ; ער וועט זייא זאגין .

### דעציוס

איך האבע דיא עהרע צוא ביקקען זיך פֿאר דעם גיעהרליכטען צעזאר'ן , אונ ווינשען איהם אַ גליקליכען צוקונפֿט אויף הייטיגען טאג . איך בין דיך גיקומין רופֿען אין דער סענאטאָריע .

### צעזאר

ניין דעציוס, איך וועל ניט געהן . גריסס פֿון מיר גאר פֿריינד-ליך אלע סענאטאָרען , אונ זאָג זייא אז איך וועל היינט ניט זיין בייא דער אסיפה ; ניט איבער דעם ווייל איך קאָן ניט , אָדער איך האב מורא , נאר ווייל איך וויל ניט — אזויא זאג זייא , דעציוס .

### קאלפורניא

זאָג אז ער איז שלאַף .

### צעזאר

וואס רעדסט דוא קאלפורניא ! צעזאר זאל זאָגין אַ ליגען ? ניט איבער דעם לויבט מיך דיא וועלט פֿאר איין נצחן , ווייל איך האב מורא צוא זאגין דעם אמת פֿאר אלטע מענטשין . זאג זייא ' דעציוס: „צעזאר וועט ניט קומען" .

### דעציוס

גינעדיגער הערר צעזאר , ערלויב מיר דיא אורזאכע דער פֿון זאגין; אויב ניט , וועלין זייא אלע לאכין פֿון מיר , אז איך וועל זייא אזויא זאָגין .

### צעזאר

דיא אורזאַכע — איז מיין וויללען . איך ווילל ניט , געה איך ניט , אזויא וועסטו זאָגין דיא סענאטאָרען . נאר דיר אליין ווייל איך האב דיך זייער ליעב , וועל איך דערצעהלין דיא אורזאכע : מיין פֿרויא ערלויבט מיר ניט געהן . עס האט זיך איהר גיחלומט , אז פֿון מיין סטאטאי , רענט , דורך הונדערט לעכער בלוט , ריין , אזויא

וויא פֿון אַ שפּרינג ברונען , און דיא רימליאנים האבין מיט גרויס פֿרייד אונ מיט גילעכטער , דיא הענד אין דעם בלוט געוואַשין ; מיין פֿרויא רעכינט אז עס ווייזט — איך זאל זיך היטען פֿאר דיא אומ־גליקען וואס קומין אָן , זיא איז גיפֿאלין אויף איהרע קניעס , אונ האט מיך גיבעטין איך זאל היינט פֿון צימער ניט ארויס געהן .

## דעציוס

דעם חלום האט מען ניט ווירקליך פותר גיוועזן ; דער חלום ווייזט אויף איין גליקליך צוקונפֿט . אַ דאס בלוט וואס דאס בלוט האט זיך גיגאָסין פֿון דיין סטאַטאַי דורך פֿיעל לעכער , אונ אַ גאנצע מחנה רימליאנעס האבין מיט גרויס פֿרייד זייערע הענד גיוואשין — דאס איז אַ סימן , אז גאנץ רומא וועסט דוא אָן טרינקען מיט בלוט וואס מאכט לעבעדיג , אונ פֿאָרנעמסטע מענטשין וועלין זיך שטיפען ארום אונ ארום צוא אָפּ געבין גרויס כבוד דעם מאַיעסטעט צעזאר. אזויא דארף מען דיזען חלום פותר זיין !

## צעזאר

יאָ , דעציוס דוא ביסט איהם גוט פותר .

## דעציוס

דוא וועסט נאך מיין זיין פֿארזיכערט , אז דוא וועסט הערין וואס איך וועל דיר דערצעהלין . זאלסט וויסן , צעזאר : דיא סענא־טאָרען האבין גיראַעשעט , אז מע זאל דיר היינט דיא קרוין אָן טאָן ; אונ אויב דוא וועסט זייא מודיע זיין , אז דוא וועסט ניט קומין אין דער סענאטאָריע , קאן זייער פֿארזאמצונג פֿאר ביטען ווערין . זייא וועלין זיך גוט אויס לאכען אונ וועלין זאגין . „נוא , וועלין מיר אָפּלעגין דיא אסיפה פֿון דיא סענאטארען ביז וואנען זיין פֿרויא וועט זיך חלום'ן בעסערע חלומות“ אונ אויב צעזאר וועט זיך באהאלטין , וועלין זייא גיוויס אלע זאגין „צעזאר , ציטערט שוין !“ הער מיר , צעזאר , ווייל איך וויל דיין טובה זאג איך דיר אזויא . מיין ליעב־שאפֿט האט בייא גיקומין דעם שכל .

צעזאר

היינט זעהסט דוא שוין קאלפורנ'א , אז דוא שרעקסט זיך אומזיסט ! עס איז אַ בזיון איך זאל אָפּ טרעטין . גיב מיר דעם מונדיר איך וועל געהן .

(עס קומען אן פּאבליוס , ברוטוס , ליגאריוס , מעטעלליוס , קאסקא , טרעבאניוס אונ צינגא) .

צעזאר

פּאבליוס איז מיך אויך גיקומין רופּען !

פּאבליוס

אַ גוט מארגען ! צעזאר .

צעזאר

אַ גוט יאהר דיר , פּאבליוס , וואס ביסט דוא אונ ברוטוס אזויא פריא אויף גישטאנין ? אַ גוט מארגען דיר , קאסקא ; אוי , קאיוס ליגאריוס , צעזאר איז דיר קיינמאהל ניט גיוועזן אזא שטארקער שונא וויא דאס פּיעבער , וויא אזויא דוא ביסט אָפּ גישלאפּט גיווארין ! וויא פּיעל האלט יעצט דער זייגער ?

ברוטוס

עס האט גיקלינגען אַכט .

צעזאר

איך דאנק אייך זייער פאר אייער העפליכקייט אונ מיהע . (אנטאניוס קומט אן) זעהט ! אָט איז אנטאָניוס , היליעט גאנצע נעכט , פון דעסט וועגין איז ער שוין אויף גישטאנין . . . אנטאניוס , איך ווינש דיר אַ גוטען מאָרגען .

אנטאניוס

אונ איך דיר אויך , מיין טהייערער צעזאר .

צעזאר

זאג אז זייא זאלין זיך דאָרט צוא גרייטען ; סע איז מיר ניט

סאוויעסטנע, וואס זייא ווארטין אויף מיר אזוי לאנג. אַי, ציננא! און מעטעלליוס! טרעבאניוס! . . איך דארף גראַדע מיט דיר עפּיס רעדין, גידענק זשע, אז דוא דארפסט צוא מיר קומין היינט. זאיי נעבין מיר, איך זאל ניט פאר געסין.

## טרעבאניוס

איך וועל זיך סטארען (אין דער זייט) זיך שטעלין נעבין דיר אזויא נאָהענט אז אלע דיינע גוטע פריינד זאלין וועלין אז איך זאל שטעהן אַ ביסעל ווייטער.

## צעזאַר

קומט ארייַן, מיינע טייערע פריינד, אהער, מיר וועלין טרינקען אַ ביסעל וויין, און אזויא וויא גוטע פריינד וועלין מיר אלע צוזאממען אוועק געהן.

## ברוטוס

עס איז ניט קיין גלייכען. אוי, צעזאר! פון דעם גידאנק טוהט מיר וויא מיין הארץ.

---

## 3–טע קארטינא.

טאקע דארטען, איין גאס נעבען קאפיטאליא,
קומט אן ארטעמידארוס און לייענט איין בריעפעל.

## ארטעמידארוס

„צעזאר, היט זיך פאר ברוטוס'ן, גיב אַכטונג אויף קאססיוס'ן, לאָז זיך ניט צוא, צוא קאסקא'ן, סליעדעווע נאך ציננא, פארגלייב זיך ניט אויף טרעבאניוס'ן, באמערק גוט מעטעלליוס צימבער. דעציוס ברוטוס האט דיך ניט ליעב, קאיוס ליגאריוס, איז פון דיר באליידיגט. אין אָ דיא אלע מענטשין איז איין מוטה, אין דער מוטה איז אויס גישטרעקט געגין צעזאר'ן. אויב דוא ביסט נאך ניט

טויט, היט זיך, דיין איינשטעלונג שטארקט דעם מיאטיעזש. נאר איין גאט זאל דיך פֿאר היטען!

דיין גוטער פֿריינד אַרטעמידארוס".

## ארטעמידארוס

איך וועל זיך אַנידער שטעלין אויף צעזאר׳ס וועג, אונ אז ער וועט דורך געהן, וועל איך איהם דאס קוויטעלע אָפּ געבין, אונ וועל איהם בעטין. מיין זעעלע קרענקט מיך זייער וואס איין עהרליכער מאנן קאן זיך קיין מאהל פֿון קנאה ניט אוים דרעהען. דוא וועסט נאך לעבין אויב דוא וועסט דאס קוויטעלע איבער-לייענין, נאהר אויב ניט, — האט דאס שיקסאל צוזאממען מיט דיינע שונאים זיך גינומין אויף דיר! (געהט אוועק)

---

## 4—טע קארטינא.

(אין דיא אנדערע זייט פון דער אייגינער גאס נעבען ברוטוס הויז, קומען אן פארטיא אונ לוציוס).

### פארטיא

איך ביט דיך, לויף גיכער אין סענאטאריע, טראכט ניט; אונ רייד ניט! לויף גיכער! וואס שטעהסט דוא?!

### לוציוס

איך דארף דאך וויסען — נאך וואס זאל איך לויפֿין?

### פארטיא

איך וואָלט גיוואלט, אז דוא זאלסט זיין דארט, אונ זאלסט זיך תיכף ומיד אומקערין, איידער איך וועל דיר אספייען זאגין וואס דוא דארפֿסט טואן. אוי גאט! שטארק מיך! שטעל אַנידער איין שטיין צווישין צונג אונ צווישין האַרץ; אין מיר איז — אַ מוטה פֿון איין מאנספערזאן מיט אַ ווייבערש שלאפֿקייט — אך! וויא

שוועהר עס איז פֿאר איין פּרויענצימער צוא איין האלטין אין זיך אַ סוד ! דוא ביסט נאך דא ?

לוציוס

נאר וואס דארף איך טואן ? לויפֿין צום סענאט — אונ מיין גאר ניט ? אונ נאך דעם זיך אומקערין — מיין גאר ניט ?

פארטיא

ווער גיוואָהר , צוא דיין הערר איז גיזונד , ער איז אוועק גיגאנגין שלאַף ; אונ זאלסט אַ קוק טאהן , וואס טוהט צעזאר , אונ צוא עס שטעהן נעבין איהם אַ יאַם מענטשין וואס בעטין זיין טובה . נאר . . . הער ! וואס איז פֿאר אַ רעש ?

לוציוס

איך הער גאָר ניט , מאַדאַם .

פארטיא

איך ביט דיך , הער זיך גוט צוא . איך הער עפּיס אַ רעש פֿון אַ סומאטאָחע , — אַ פנים מע שלאגט זיך , — דער ווינד טראָגט דאס קול פֿון דער קאפיטאליע .

לוציוס

בנאמנות , אז איך הער גאר ניט . (דער מבשר קומט אן)

פארטיא

קום אַהער , ליעבענסווירדיגר ; וויא ביסטו גיוועהן ?

מבשׂר

איך ? בייא זיך אין דער היים .

פארטיא

וויא פֿיעל האלט דער זייגער ?

מבשׂר

סע איז שוין באלד ניינע , מאַדאַם .

פארטיא

נוא , צעזאר איז אוועק גיגאנגין אין קאפיטאליע ?

מבשׂר

נאך ניט, איך רעכין דא אויף איהם וואַרטין .

פארטיא

האסט צוא איהם עפים אַ בקשה , צוא זיין ?

מבשׂר

יאָ , איך האב . אויב צעזאר וועט זיין אַ גוטער אונ וועט מיך אוים הערין , וועל איך איהם ביטען ער זאל זיך זעלבסט זיין אַ גוטער פֿריינד .

פארטיא

וויא הייסט , מע טראכט דען עפים שלעכטס נעגין איהם ? דוא ווייסט ?

מבשׂר

וואס עס וועט זיין ווייס איך ניט נאר איך האב זייער מורא , אַדיע ; דא איז זייער איין איינגע גאס , סע איז דא אַ גאנצער עולם סענאַרין , טשינאָווניקעס , אונ זייער פֿיעל מענטשין וואס זענין גיקומין ביטען טובות פֿון צעזאר'ן איז זייער איינג , אַ שלאַפֿין מענטשין קאָן מען דערקוועטשין אויף טויט . וועל איך מיך זוכען אַ גראמער אָרט , איך זאל קענין מיט צעזאר'ן ריידין .

פארטיא

יעצט דארף איך זיך אומקערין אהיים . . . וויא שלאף דאס האַרץ פֿון איין פֿרויענצימער איזט ! אוי ברוטוס ! לאז דיר דער הימל אין דיין פֿאָרטזועטצונג העלפֿין ! (צוא זיך זעלבסט) וואס בין איך !

ראס יונגעל הערט. (הויך) ברוטוס האט אַ בקשה צוא צעזאר'ן; און צעזאר וועט איהם געווים אָפּ זאגין. מיר איז שלעכט.... אַך! לויף געכער לוציוס, און גיב אָפּ מיין מאנן אַ גריסס פֿון מיר, זאג איהם אז איך זיפּץ ניט. נאך דעם קעהר זיך אום צוא מיר מיט זיין אנטוואָרט.

---

# דריטער אַקט

## 1—טע קארטינא.

קאפּיטאליא, אסיפת סענאטארען. א מחנה מענטשין אויף דער גאס, וויא מע געהט אין קאפּיטאליע, אין בתוכם איז דא ארטערמעדאריוס אונ דער מבשר, קולות, עס קומען אן צעזאר, ברוטוס, קאססיוס, דעציוס, מעטעלליוס, טרעבאניוס, ציננא, אנטאניוס, לעפּידוס, פּאפּיליוס, פּאבליוס, אונ נאך אנדערע.

### צעזאר

היינט איז יודוס מאַרטוס!

### מבשר

יאָ, נאר זייא זענין נאך ניט איבער געגאנגין, מע האט נאך יודוס מאַרטען ניט געפּאַטערט, אלואי סע זאל זיין גוט!..

### ארטעמידאריוס

געלויבט ביסטו הערר צעזאר, איך בית דיך, לייען איבער דיזעס קוויטעלע.

### דעציוס

טרעבאניוס וויל, אז דוא זאלסט אין אַ פֿרייער צייט איבער לייענין זיין בקשה.

ארטעמידארוס

אוי, צעזאר, לייען פֿריער מיינע, זיא גיהער זיך אָן פֿיעל נעהנטער מיט צעזאר'ן. לייען איבער גינעדיגער צעזאר!

צעזאר

וואס עס גיהער זיך אָן צוא אונז, וועלין מיר שפעטער באטראכטין.

ארטעמידארוס

לייג ניט אָפּ, לייען באלד איבר מיין קוויטעלע, צעזאר!

צעזאר

ער איז אַ משוגענער?

פאבליוס

לאז דורך געהן, ברידער.

קאססיוס

נאך וואס שטיפט איהר זיך אַ גאנצער עולם, מיט בקשות, אויף דער גאס? געהט בעסיר אין קאפיטאליע.

(צעזאר קומט אן אין קאפיטאליע, דיא איבעריגע געהן נאך נאך איהם. אללע סענאטארען שטעהן אויף).

פאפיליוס (צוא קאססיוס'ן)

איך ווינטש דיר אוספיעחען אין אייער פֿאַרזאַמצונג.

קאססיוס

וואס פֿאר אַ פֿאַרזאַמצונג, וואס מיינסט דוא?

פאפיליוס

זאיי גיזונד.

ברוטוס

וואס ריידט פאפיליוס ליענא?

קאססיוס

ער ווינשט צוא אונזער פֿארזאמצונג — פֿארטשריט. איך האב מורא, אז מיר זענין שוין ניט ענטדעקט.

ברוטוס

קוק, ער געהט צוא, צוא צעזאר'ן; גיב אַכטינג.

קאססיוס

זייא, קאסקא, גיכער! מיר האבן מורא, אז אונזער פֿאַר-זעמצונג איז ענטדעקט. ברוטוס, וואס טוהט מען? אז פֿון אונזער אַפריידונג ווייסט מען שוין, אָדער איך אָדער צעזאר, איינער פֿון דיא צווייא, מוז דאָ פֿארלאָרין ווערין .... אוי, איך וועל זיך דערהאַרגינען!

ברוטוס

זאיי בייא זיך שטארק, קאססיוס. פאפיליוס לענאַ רעדט גווים וועגין איין אנדערי זאך; קוק — ער לאכט, אונ צעזאר ווערט ניט פֿארביטין אויף'ן פנים.

קאססיוס

טרעבאניוס ווייסט וויא אזויא זיין ראָללע שפילין; באמערק, ער האט אוועק גיפֿיהרט אנטאניוס'ן.

(אנטאניוס אונ טרעבאניוס געהן אוועק, צעזאר אונ דיא סענאטארען זעצין זיך אויף זייערע ערטער).

ווא איז צימבער? לאז ער אָפ געבין צעזאר'ן זיין בקשה (прошеніе) תיכף ומיד.

ברוטוס

ער גיט זיא שוין אָפ; לאָמיר צוא געהן נעהנטער אונ מיר וועלין איהם אונטער האלטין.

ציננא

דוא, קאסקא, דארפֿסט דער ערשטער אויף הייבין דיא האנד.

צעזאר

אלע האבין זיך שוין צואנויף גיזאמעלט ? נא , וואס פאר אַ
שלעכטס דארף איך מיט'ן סענאט אויסוואָרצלין ? !

מעטעליוס

גרויסער אונ שטארקער צעזאר ! מיין אונטערטעניג הארץ וויל
איך אונטער דיין כסא-מלוכה אונטערוואַרפין .

צעזאר

איך מוז דיר פריער זאגין צימבער ; קריעך גאר ניט דורך
חניפה , אונ פאלשקייש נעמין אריין אין פלען נאהר גיוויינליכע
מענטשין , וואס מאכין אַ קינדער שפיעל פון דעם וואס זייא האבין
פריער גירעדט . געה ניט מיט קיין נארישען גידאנק אונ מיין ניט
אז אין צעזארס אָדערין רינט אזא בלוט , אז דער גייסט קאן זיך
איבערבייטין , פון דעם וואס נארנים ווערין איבערגעביטין , למשל
פון זיסע ריידעליך , מיט נידעריגע בייגאכצען , אונ מיט הינטישע
חניפה'ליך . איך האב איינמאהל גימשפט אז מע זאל דיין ברודער
ארויס שיקען , אונ דוא קריכסט חנפהנין אונ בעטין פאר איהם
וועל איך דיך אַ שליידער טאָן אזויא וויא אַ הונט פון וועג . זאלסט
וויסין , אז צעזאר האט רעכט , וויא אזויא ער טוהט אזויא איך גלייך

מעטעליוס

אוי ! סע איז דא ניטאָ עפים אַזא מענטש וואס זיין קול זאל
זיין איינגינעמענער פאר צעזאר'ן פון מיינעם , אז ער זאל קאנען
בעטין רחמים פאר מיין פארטריבענים ברודער ?

ברוטוס

איך שווער בייא מיין לעבין צעזאר , ניט פאר קיין חניפה א
איך בין אין גאנצין דיינער , נאר איך ביט דיך , אז פובליוס זאל
פון דעם פארטרייבעניש אומגיקערט ווערדין .

צעזאר

ברוטוס !

### קאססיוס

פֿערצייאונג, פֿערצייאונג. צעזאר! קאססיוס וועט זיך שטעלין אויף דיא קניעס פֿאר דיר, אונ וועט בעטין רחמנות אויף צימבער'ן.

### צעזאר

ווען איך זאל זיין אזויא וויא איהר, וואָלט איך גיקאנט בעריהרט ווערין; אז איך אליין זאל ליעב האבין יענעם ביטען, וואָלטין מיך יענעמס בקשות אויך גיקאנט ריהרין; איך בין אבער ניט אַזעלבער, איך בין אַ שטענדיגער, אזויא וויא דער צפון שטערין, וואס זאל זיך קיינמאהל ניט איבערבייטין, איז אויף'ן הימעל ניטא. דאָרט איז דא פֿיעל לויטערע שטערין, אונ אלע ברענין זייא, זייא שיינען, אונ בלישצען, אבער נאר איינער פֿון זייא פֿארבייט זיך קיין מאהל ניט. דאס נעמליכע איז אויף דער ערד; מענטשין אויף איהר איז דא אַ ים, נאר מענטשין — פֿלייש אונ בלוט, זייא זענין אזוי שלאָף, און צווישין זייא קאָן איך נאר איינעם, וואס עס איז גאר אונמעגליך צוא איהם צוא טרעטין, ער איז אזויא האַרט אז קיין שום זאך קאן איהם צוא רידערין; דאס איז — צעזאר. דאס וועל איך אצונד באווייזין, איך האב איינמאהל גיריעשעט צימבער'ן ארוים טרייבין, וועל איך מיינע רייד ניט איבערבייטין.

### ציננא

אוי, צעזאר!

### צעזאר

אוועק! דוא ווילסט ריהרען דעם אָלימפּ?

### דעציוס

גרויסער צעזאר!

### צעזאר

דוא האסט דען ניט גיזעהן, אז ברוטוס האט אומזיסט דיא קניעס איינגיבויגין?

קאסקא

טאָה לאזין מיינע הענד רעדין פֿאר מיר!

(קאסקא שטעכט אריין זיין שפיעז אין צעזאר'ס האלז, צעזאר חאפט איהם אן פאר דער האנד, אין דער זעלבער צייט האבין איהם אן גיהויבין שלאגין פיעל אנדערע מיאטיעזשניקעס אונ צום סוף מארק ברוטוס).

צעזאר

אונ דוא, ברוטוס, אויך! טאָה שטארב זשע צעזאר!

(ער שטארבט, דיא סענאטארען מיט דעם גאנצען עולם לויפען גיך צוא דער קאטאסטראפע).

ציננא

פֿרייהייט, חרות! דער אכזר אין שוין טויט! לויפֿט שרייט אוים! זייט מפרסם דיא זאך אויף דיא גאַססין.

קאססיוס

לויפֿט גיכער אויף דיא טריבונעס, שרייט פֿרייהייט אונ חרות!

ברוטוס

עולם! סענאטאָרען! האט קיין מורא ניט, שטעהט, — איינטלויפֿט ניט! מיט דעם וואס האט ליעב גיהאט כבוד, אונ מיט יענעם גידיעספאָטירט, זענין מיר שוין קוויט.

קאסקא

אריף אויף דער טריבונע, ברוטוס!

דעציוס

אונ קאססיוס אויך!

ברוטוס

וויא זשע איז פובליוס?

### ציננא

אָט איז ער דא. ער איז זעהר דערשראָקין גיוואָרין פֿון דעם רעש.

### מעטעלליוס

לאָממיר זיך שטאַרק צואנויף זאַמלין! צעזאר'ס פֿריינד... סע קען זיך טרעפֿין...

### ברוטוס

האָדיא שוין אוים לייגען, (צוא פאבליוס'ן) שטאַרק זיך פאבליוס, געגין דיר אונ אַנטקעגין דיא רימליאנעם טראַכטין מיר חלילה ניט קיין שלעכטס. זאג זייא דיזע ווערטער, פובליוס.

### קאססיום

אונ געה תיכף אוועק, בכדי אַ דאס פֿאָלק וואס עס איז פליצלום אויף אונז אָן גיפֿאַלין, זאלין דיר עפים ניט אָפ טאָן, אלטער.

### ברוטוס

יאָ, געה אוועק ווייטער, וועט אַ חוץ אונז קיינער ניט בע-שטראָפֿט ווערין פֿאר דיעזער אונזער שילד.

(טרעבאניוס קומט אן).

### קאססיוס

אונ וויא איז אנטאָניוס?

### טרעבאניוס

ער איז מיט גרוים דערשרעק אַנטלאָפֿין אַ היים. מענער, פֿרויען אונ קינדער קוקין אָהן פֿארשטאַנד, וויא לויפֿין אין רעווען, גלייך וויא דיא גאנצע וועלט עקט זיך.

### ברוטוס

שיקסואל! דיין ווילין ווערין מיר זעהן. מיר ווייסין אז פֿון דעם טויט וועלין מיר זיך ניט אוים וועליען, מענטשין קאנין זיך נאר צוא

שלאגין צוא איין הרחבת הזמן (отсрочка) אונ דערלענגערין עטוואס אונזערע טעג .

### קאססיום

ווער עס נעמט אַראפּ צוואַנציג יאהר ביים לעבין , נעמט ער ביים שרעק פֿון דעם טויט אויך אזויא פֿיעל .

### ברוטוס

אויב אזויא , איז דאך דער טויט — אַ טובה , מיר זענין צעזאר'ן — גוטע פֿריינד ; מיר האבין איהם פֿאַרקערצט דיא צייט וואס ער וואָלט זיך גישראקין פֿאר דעם טויט . בעגט זיך אן , רימליאנעס, וועלין מיר אָפּ וואַשין דיא הענד אין זיין בלוט, ביז דיא עלינבויגען , מיר וועלין פֿאַרבליטיגין אונזערע שווערדין , מיר וועלין ארויס געהן אויף'ן פלאַטץ , מיר וועלין מיט זייא אויף אונז טרעסלין , אונ מיר וועלין אוים שרייען גאנץ הויך : ש ל ו ם ! פֿ ר י י ה י י ט אונ ח ר ו ת !

### קאססיום

יאָ , יאָ , לאָמיר זיך אָן בייגען און וואַשין דיא הענד ! סע וועלין אוועק דורות , אין פֿיעל מאהל , בייא קיזרים וואס זייא זענין נאך יעצט אויף דער וועלט ניטא , וועט מען שפיעלין אין דיא טע-אַטערין פֿיעל מאהל דיעזע סצענא , אויף אזעלכע שפראַך וואס זענין אונז יעצט ניט באַקאנט .

### ברוטוס

אונ וויפֿיעל מאהל וועט זיין אַ פֿאַרגיניגען צעזארס טויט . אונ וויא אזויא ליגט ער יעצט נעבין פֿאָמפּיעס סטאטויע גיאכטעט וויא דער פראַך (שטויב) .

### קאססיום

אונ מע וועט אונז תמיד אָן רופֿין רעטערס פֿון דער פֿאַר-לוירענער פֿרייהייט !

### דעציוס

נוא , מיר וועלין געהן ?

### קאססיום

יאָ , מיר וועלין אלע געהן ; לאָז אונז ברוטוס פֿיהרען , אונ נאך איהם וועלין נאך געהן דיא שטארקסטע אונ דיא בעסטע פֿון דיא רימליאנעם .

(דער קאמערדיענער קומט אן)

### ברוטוס

ווארט אוים ! ווער געהט עס ? אנטאניום קאמערדיענער .

### קאמערדיענער

ברוטוס, מיין הערר האט מיר גיהייסין פֿאר דיר , מיינע קניעם איינבייגען , פֿאלין דיר צוא דיא פֿיעס , אין פֿאַלינדיג, זאל איך דיר זאגין פֿון זיינעט וועגין, דיעזע ווערטער : „ברוטוס איז פֿיין , קליעג , שטאַרק אונ עהרליך , אונ צעזאר איז גיוועזן שטארק אונ בויקע , אזויא וויא אַ קייזער , אונ אַ גיליעבטער . איך האב ברוטוס'ן ליעב אונ עהרע איהם , אונ פֿאר צעזאר'ן האב איך מורא גיהאט , אונ ליעב גיהאט , אונ אָפּ גיגעבין כבוד . ווען ברוטוס זאל מיר ער-לויבין קומין צוא איהם אָן דער שרעק, אז איך זאל גיוואָר ווערין, מיט וואס האט צעזאר פֿארדיענט זיין טויט , וועל איך דעם טויטען צעזאר'ן ניט ליעב האבין אזויא וויא דעם לעבידיגין ברוטוס ; מיט איין אמת-ליעבשאַפֿט וועט אנטאניום נאך געהן נאך דעם פֿיינעם ברוטוס'ן , ער וועט זיך מיט איהם טיילין דעם שיקזאל , זיינע דאגות , אונ מיט דעם שרעק פֿון דעם אומבאקאַנטין וועג „אזויא זאגט אנטאניום" — מיין הערר .

### ברוטוס

דיין הערר איזט קלוג אונ פֿיין , איך האב וועגין איהם שטענדיג אַזא מיינונג גיהאט , שיק איהם אַהער , אונ ער וועט ערהאַלטין וואס

ער וויל; און נאך דעם, שווער איך, אז ער וועט זיך קאָנין, אָן אַ שום פֿעהלער, אומקערין זיך.

קאמערדיענער

איך וועל איהם באַלד ברענגין אהער צוא.

ברוטוס

איך וויס, אז ער וועט זיין אונזער גוטער פֿריינד.

קאססיוס

איך וואָלט דאס זייער געוואָלט, נאר איך האב אלץ מורא; דאס פֿאָר-געפֿיהל שרעקט מיך זעהר.

(אנטאניוס קומט אן)

ברוטוס

אָט איז ער. גוט וואס דוא ביסט גיקומין, אנטאניוס!

אנטאניוס

(אויף קערעוועגדיג צעזאר'ס קערפער)

אוי שטארקער צעזאר, דוא ליגסט אין פראך! אַ דאס איז ארויס גיקומין פֿון אלע דיינע איינעמונג, גרויסקייט און לויבונג, וואס דיא גאנצע וועלט האט דיך גילויבט? פֿערבלייב!... — פאטריצא, איך וויס ניט אייערע מיינונגען, ועמים בלוט דארף זיך אויס גיסען? ווער איז דא איין איבעריגער? אוי טאָמער, איך! איז ניטא פֿאר דער שטראָף קיין בעסערע סעקונדע, וויא אין דער שעה פֿון צעזאר'ס טויט; סע איז ניטא נאך אַזא איינגינומענע ארודיע, וויא דיא שווערדין וואס זעניך באַשפריצט מיט דעם טייערסטין און מיט דעם פֿיינסטין בלוט פֿון דער וועלט. אציגד איז מיר זעהר שלעכט, בעט איך אייך, פֿאָלגט אויס מיין ווינטש, כל זמן אייערע הענד טינקען נאך אין בלוט; איך זאל אפילו לעבין טויזינד יאהר, וואָלט איך ניט גיוועזן אזוי גרייט צום טויט. עס איז מיר אלס איינגינעמענער שטארבין דא נעבין צעזאר'ן, פֿון דיא הענד פֿון אזעלכע

מענטשין אזויא וויא איהר , דיא קלינסטע פֿון דעם דור !

ברוטוס

אנטאניוס , דעם טויט בעט ניט פֿון אונז . חאטש מיר האבין ערשט אָפּ גיטאן אַזא מין זאך , אונ ווערדליג אונזערע הענד , ווייזין מיר אויס אכזרים אונ בלוטזויגערס , נאהר דוא זעהסט נאהר דיא הענד , אין זייער בלוטיגע זאך ; אָבער אונזערע הערציר זעהסט דוא ניט . מיטליידונג איז דא אין זייא , נאר דאס מיטלייד צוא דיא אומגליקין פֿון רומא האט גובר גיוועהן . — אונ צעזאר איז גיפֿאלין טויט . (דער שלאָפֿערער פֿלאָם פֿאלט תמיד אריין אין דעם שטאַרקערין) נאר פֿאר דיר , אנטאניוס וועט אונזער שווערד זיין מיט אַ בלייענער שאַרף . — מיט פֿריינדשאַפֿט געבין מיר דיר אונזערע הענד , מיט גוט ברידערשאַפֿט נעמין מיר דיך אריין אין אונזער געמיינדע , מיר נעמין דיך אַריין מיט אונזער גוטין ווילין , מיט גרויס כבוד , אונ מיט אַ היים ליבשאַפֿט .

קאססיוס

אין דעם באשטימען דיא נאייע דאָלושנאָסטין , וועט זיין דיין דעה גלייך מיט אלע .

ברוטוס

נאר לייד איבער ! יעצט דאַרפֿין מיר איין שטילין דאס פֿאָלק , — עס איז נאר אויסער זיך פֿון דער שרעק , — אונ נאך דעם וועלין מיר דערציילין , פֿאר וואס זענין מיר זיך אזוי באגאנגין מיט צעזאר'ן , חאטש איך האב איהם ליב גיהאט אין דער זעלבער מינוט וואס מע האט איהם דעם שפיעז אריין גישטאָכין .

אנטאניוס

אין דיין חכמה בין איך ניט מסופק , גיט מיר אייערי בלוטיגע הענד . דוא פֿריער , ברוטוס , יעצט — קאיוס קאססיוס , דוא דעציוס , דוא מעטעלליוס , דוא צוננא , דוא באהאָרצטער קאסקא ,

אונ צום לעצטין טרעבאניוס , דער לעצטער אין האנדרצווינגונג — ניט אין ליבשאַפֿט . גוטע פֿריינד , — אוי ווייא ! — וואס דאַרף איך ריידין ? דאס דאוויערנגאָסטי צוא מיר שטעהט יעצט אויף אַ גליטשיקער ערד , איך דאַרף זיך יעצט פֿאַר אייך ווייזין אזויא וויא אַ חונף , אָדער אזויא וו'א איין איבער גישראקינער .

(ער קערעווועט זיך אויס צוא צעזאר'ס קערפער , אונ זאגט :)

דיך האב איך ליב גיהאט , צעזאר , — דאס איז אמת , אונ אויב דיין נשמה זעהט אונז אצונד , וועט איהר גיוויס ניט זיין איינגינעמין צוא קוקין , וויא אזויא מאַרק אנטאניוס שליסט אַ שלום מיט דיינע שונאים , אונ צווינגט זייערי בלוטיגע הענד . אונ וויא ? פֿאַר דיין קערפער וואס קאן זיך שוין ניט רירען . גרויסער צעזאר ! ווען איך זאל האבין אזויא פֿיעל אויגין , וויא פֿיעל ראַנעס סע איז דאָ אין דיין קערפער , אונ איך זאל קאנען אזויא שטאַרק וויינען , וויא שטארק דאס בלוט גיסט זיך פֿון דיר ריקעס-וויים , — וואָלט אודאי גיוועהן איינגינעמינער , איידער , אז דיין גוטער פֿריינד , זאל פֿאַר שניידין אַ בונד מיט דיינע רוצחים ! פֿערצייע מיר , אוי יוליוס ! אזויא וויא אַ הערש ביסטו דא גישאָסין גיווארין , דאָ ביסטו גיפֿאַלין , אונ דא שטעהן דיינע גזלנים באשפריצט מיט דיין בלוט . דיא וועלט איז גיוועהן אַ וואַלד פֿאַר דיזען הערש , אונ ער , דער הערש איז גיוועהן דאס האַרץ פֿון דער וועלט . אוי צעזאר ! וויא אזויא דוא ביסט גלייך אויף איין הערש וואס דיא גיוועלטיגער האבין איהם דערהאַרגיט !

קאססיום

אנטאניום !

אנטאניום

פֿערצייע מיר , קאיום קאססיום , דאס וועלין אפילו זאגין צעזאר'ס פֿיינד : אז סע איז גיוויינליך אזוינע גיפֿיהלין אין אַ גוטין פֿריינד !

קאססיום

דער פֿאַר וואס דוא לויבסט צעזאר'ן — וועל איך דיר ניט

ערגער מאכין ; נאר זאג אויף וואָסערע פונקטין בעשליסטו זיך מיט אונז : אזויא וויא אַ גוטער פֿריינד ? צוא מיר מעגין זיך געהן אין אונזער וועג אָן דיין מיט-חלק ?

## אנטאניוס

אויף אַ סימן פֿון ליבשאַפֿט האב איך אייך גיגעבין מיין האַנד. נאר פליצלום האב איך אַ קוק גיטאן אויף צעזאר'ן האב איך פֿאר־געסין. יאָ, איך בין אייער גוטער פֿריינד, אונ האב אייך ליעב, איך בין פֿארזיכערט אז איהר וועט מיך ערקלעהרין — וויא אזויא אונ מיט וואס איז ער גיוועהן מסוכן ?

## ברוטוס

מיר וועלין דערציילין ; אנדערש וועט זיין אונזער עולה ווילד. דיא אורזאכען, וועלכע האבין גיבראכט דער צוא, זענין אזויא וויכטיג, אז דוא זאלסט זיין אפילו אַ זיהן צעזאר'ס, וואָלסטו אויך פֿארשטאנין אז מיר זענין ניט אזויא שטארק אומגירעכט.

## אנטאניוס

איך וועל זיך שוין מעהר ניט דער פֿרעגין. איך וויל נאר בעטין איין זאך, ערלויבט מיר נעמין דעם קערפער, אונ ארויס טראָגין איהם אויף דעם פלאַץ אין צוזאמען מיט דיא טריבונעס האלטין דאָרט איין ריידע נעבין זיין קבר, אזויא וויא איין גוטען ברודער קומט.

## ברוטוס

דיין בקשה האסט דוא גיפֿוועלט, אנטאניוס.

## קאססיוס

ברוטוס, אויף צווייא ווערטער ! (אין דער זייט) דוא ווייסט אליין ניט, וואס דוא טוהסט ; ערלויב איהם ניט אויף דעם קערפער צוא ריידין. באַטראכט זיך נאר, וויא אזויא מאַרק אנטאניוס קאן אויף רידערין דאס פֿאלק מיט זיין רייהע.

ברוטוס

האָב קיין מורא ניט, קאססיוס, אויף דער טריבונע וועל איך דער ערשטער ארויף גיין, אונ וועל באַלד דיא אורזאַכע פֿון צעזאר'ס טויט דערצעהלין, אז מארק אנטאניוס האלט אַ ריידע מיט אונזער ערלויביניש, אז מיר אליין ווילין דאס, אז בייא דער קבורה זאל מען אָפּ היטען אלע מנהגים, אונ מע זאל אָפּ געבין כבוד דעם מת אזויא וויא סע גיהער צוא זיין. דאס אלעס וועט אונז ניט שאטין, עס וועט גיכער זיין פֿאַר אונז אַ טובה.

קאססיוס

איך וויים ניט, וואס סע וועט זיין, נאר מיר גיפֿעהלט דאס ניט.

ברוטוס

נוא אנטאניוס נעם צעזאר'ס קערפער, נאר אין דיא ריידע וואס דוא וועסט האלטין נעבין קבר זאלסט דוא אונז ניט זידלען; צעזאר'ן מעגסט דוא לויבין, אזויא וויא דוא ווילסט. זאָג, אז דאס טוהסטו מיט אונזער ווילין, אַנדערש וועלין מיר דיך ניט דערלאָזין אז דוא זאלסט האבין אַ חלק אין זיין באהאַלטין. דוא דאַרפֿסט האלטין דיא ריידע אויף דער אייגינער טריבונע, אויף וועלכער איך וועל יעצט ארויף גיין, אונ ערשט אז איך וועל ענדיגין מיין ריידע זאלסט דוא אָן הייבין ריידין.

אנטאניוס

לאָז זיין אזויא, מַיין דאַרף איך גאר ניט.

ברוטוס

נוא גרייט צוא דעם קערפער, אונ נאך דעם געה נאך אונז.

(אלע חוץ אנטאניוס'ן געהען אוועק).

אנטאניוס

פֿערצייהע מיר, בלוטיגע גרידע ערד, וואס איך חֲנֻפָּה דיינע

רוצחים ! סטויב פֿון דעם פֿיינסטין פֿון דיא מענטשין , וואס האבין איבער גילעבט אויף דער וועלט ! אוי , ווייא איז דער האנד , וואס האט אַזא טייער בלוט פֿאַרגאָסין ! יעצט וועל איך נביאות זאגין אויף דיינע ראַנעס , וואס זענין אזויא וויא אַ שטיממערצונג , האבין זייא אויף גיעפֿינט דיא רויטע ליפפען אונ בעטין בייא מיר איין קול , אין ווערטיר . — איך זאָג אייך פֿריער אז אַ דיא בונדען וועלין אָן חאַפּין איטאליע פֿון אלע זייטין . בלוט , אונ הריגות וועט זיין אזויא גיוויינליך , אונ שרעקין וועלין זיין אזויא נאהנט יעדין בעקאנט , אז מוטערס וועלין מיט אַ גילעכטיר קוקין אויף זייערי קינדער וויא זייא ווערין גיהאַרגיט אין דער מלחמה ; דאס גיוויינליכקייט צוא אכזריות וועט גובר זיין דעם רחמנות , צעזאר׳ס נשמה , וואס שרייט אויס נקמה , וועט קומין מיט דעם מלאך פֿינעם גיהנם , אונ וועט ארויס רופֿין מיט אַ קייזערליך קול צוא דער מפלה ; ער וועט צוא לאָזין דיא הענד פֿון דער מלחמה , אונ דיא מיאוסע הריגה וועט צוא טראגין ווערין אויף דער גאנצער וועלט מיט דעם שמעק פֿון דיא טויטע קערפערס , וועגין דער קבירה פֿון דיא זייפֿצענדער !

(דער קאמערדיענער קומט אן)

דיא דיענסט בייא אקטאוויוס׳ן ?

קאמערדיענער

יאָ , מאר׳ק אנטאניוס .

אנטאניוס

צעזאר האט איהם גירופֿין קיין רומא ?

קאמערדיענער

יאָ , דיעזע בריף האט אקטאוויוס ערהאַלטין ; יעצט פֿאַרט ער ; ער האט דיר גיהייסין איבער געבין מיט ווערטער . . . .

(דער זעהינדיג צעזאר׳ס קערפער)

אוי , צעזאר !

### אנטאניוס

דאס האַרץ האט זיך אין דיר דערבאַרימט ? טאָה געה אוועק און וויין. איך זעה , דער וויטאג איז צוא גיקלעפט , אז איך זעה דיינע טרערין , קומט אַ פייכטיקייט אויף מיינע אויגין . — איז דיין הערר דאָרט ?

### קאמערדיענער

ער נעכטיגט זיעבען מייל פון רומא .

### אנטאניוס

לויף גיכער צוריק צוא איהם, מיט דער ידיעה — וואס האט זיך גיטראפין. רומא איז אין וויטיגען , רומא איז אין צרות , רומא איז אין אומגליקען ; רומא איז יעצט פאר אקטאוויוס'ן מסוכן ; זאָג איהם וועגין דעם ! אָדער ווארט אויס , איך וועל פריער איבער-טראגין דעם קערפער אויף'ן פלאץ, איך וועל דאָרט האלטין אַ ריידע און וועל אַ קוק טאהן , וואס פאר אַ מיינונג האט דאס פאָלק וועגין דעם אכזריות פון דיא בלוטזויגערס. דערנסמאלט ועסטו אקטאוויוס'ן אַ ידיעה געבין וויא אזויא דער ענין האלט יעצט. — העלף מיר .

(זייא געהן אוועק מיט צעזאר'ס קערפער)

---

## 2—טע קארטינא.

צום פלאץ וויא מע פלעגט זיך צוזאנויף נעמין , אין רומא , באקלערהרין וויכטיגע ענינים , קומען אן ברוטוס , קאססיוס , און א מחנה שטאט בעלי בתים .

### שטאט בעלי בתים

מיר פאָדערין איין ערקלעהרונג; גיט אונז איין ערקלעהרונג !

### ברוטוס

נוא , געהט נאך נאך מיר , מיינע גוטע פריינד , און הערט

אוים וואס איך וועל אייך זאגין. לאָממיר זיך צוא טיילין. דוא, קאססיוס, געה אוועק אין איין אנדער אָרט. דער וואס ווילל מיך הערין — לאָז דא בלייבין, אנדערע לאזין געהן נאך קאססיוס׳ן, אונ מיר וועלין פֿאַרין עולם אָפּ געבין חשבון פֿון צעזאר׳ס טויט.

## 1-טער שטאט בעל הבית

איך וועל הערין ברוטוס׳ן.

## 2-טער שטאט ב״ב

איך געה נאך קאססיוס׳ן; נאך דעם וועלין מיר זייערע אור-זאכין אוים גלייכין, אז זייא וועלין ענדיגין זייערע ריידעס.

(קאססיוס געהט אוועק מיט עטליכע שטאט בעלי בתים. ברוטוס געהט ארויף אויף דער טריבוניע).

## 3-טער שטאט ב״ב

אָט איז דער פֿיינער ברוטוס ארויף גיגאַנגין, שווייגט!

## ברוטוס

זייט ביז דעם סוף גידולדיג. רימליאנעם, מיט-איינוואָינערס, פֿריינד! הערט אוים מיין רעכט, אונ שווייגט ביז וואַנין איהר וועט אין גאנצין אוים הערין. גלויבט מיר, איך שוועהר בייא מיין כבוד, אונ האלט עהרליך דיזען כבוד, וועלכין איהר מעגט גלויבין; משפט מיך וועדליג אייער פֿאַר שטאַנד, נעמט זיך אָן מיט אללע אייערי געפֿיהלין, אז איהר זאלט בעסער באקלעהרין דעם וויכטיגין ענין. אויב אין דער אספה איז דא אימעצער פֿון צעזאר׳ס ליבסטע פֿריינד, וועל איך איהם זאגין, אז איך האב ליעב גיהאט צעזאר׳ן, ניט ווייניגער פֿון איהם. אויב ער וועט פֿרעגין — פֿאַר וואס זשע איז ברוטוס אויף גישטאנין געגין צעזאר׳ן, וועל איך איהם ענט-פֿערין: ניט איבער דעם וויל איך האב צעזאר׳ן ווינציגער ליעב גיהאט, נאר איבער דעם, וואס איך האב רומא מיין ליעב גיהאט, וואס וואָלט איהר בעסער גיוואָלט: זעהן צעזאר׳ן לעבענדיג, אונ

אללע שטאַרבין אזויא וויא קנעכט , צוא זעהן איהם טויט , אונ אללע לעבין וויא פֿריער מענטשין ? צעזאר האט מיך ליעב גיהאט — אונ איך וויין וועגין איהם ; ער איז גיוועהן גליקליך — אונ איך פֿרייא זיך וועגין דעם . ער איז גיוועהן איין באהאָרצטער, גיב איך איהם אָפּ כבוד ; נאר ער האט ליעב גיהאַט גיוועלטיגין האב איך איהם דערהאַרגיט . דא איז טרערין פֿאר זיין ליבשאַפֿט, פֿרייד פֿאר זיין גליק , כבוד פֿאר זיין באהאַרצליכקייט , אונ טויט דער פֿאר וואס ער האט ליעב גיהאט גיוועלטיגין , — ער האט ליעב גיהאט זיך כבוד , אונ מיט יענעם דיספּאָטירען . — ווער איז צווישין אונז אזויא נידעריג , וואס ער וואָלט גיוואָלט זיין אַ קנעכט ? אויב דא איז דא אַזא מענטש , טאָה לאז ערריידען ; ווארום איהם האב איך בעליידיגט . ווער איז צווישין אייך אזויא גראָב , וואס ער וואָלט ניט גיוואָלט זיין קיין רימליאנין ? אויב סע איז דא אַזא מענטש — לאָז ער ריידין ; איך האב איהם בעליידיגט . ווער איז דא אזויא פּאָדלע , וואס ער האט ניט ליעב זיין פֿאַטערלאַנד ? אויב צווישין אייך איז דא אַזא מענטש — לאז ער ריידין , איך האב איהם בעליידיגט . איך וואַרט אויף איין ענטפֿער .

## שׁטאם ב׳ב

אזוינע איז צווישין אונז ניטאָ , ניט איינער ניט , ברוטוס !

(פיעל קולות רעדען צוזאמטען) .

## ברוטוס

וויזט אויס , אז איך האב קיינעם ניט בעליידיגט . איך האב ניט גיטאן מיין מיט צעזאר׳ן וויא איהר וואָלט גיטאן מיט ברוטוס׳ן . דיא אורזאַכע פֿון צעזאר׳ס טויט איז פֿארשריבין אין קאפיטאליע , דיא לויב , וועלכע ער איז ווערט גיוועזן זענין דאָרט ניט פֿאַרקירצט ; דיא שילד פֿאר וועלכיר ער איז גיטייט גיווארין — איז ניט פֿאר-גרעסערט .

(אנטאניוס מיט פיעל מענטשין צוזאמטען קומען אן מיט צעזאר׳ס קערפער)

אָט איז זיין קערפּער, מארק אנטאָניוס באוויינט איהם, חאטש ער האט קיין חלק ניט געהאט אין זיין מיתה; פון דעסטוועגן וועט איהם ארויס קומען אַ טובה פון זיין טויט; ער וועט ערהאַלטען איין פּאָסט אין דער רעספּובליקע אזויא וויא יעדערער פון אונז. צום סוף זאָג איך: וועגן אַ טובה פאר רומא האב איך דערהאַרגית מיין בעסטען פריינד; לאָז זשע דיזער שטאָך מעסער דיענען פאַר מיר אויך, אויב מיין טויט וועט זיין באדערפטיג וועגן מיין פאַטערלאַנד.

## דיא שטאט בעלי בתים

לעב, לעב!

### 1–טער שטאט בעל הבית

מיר וועלין איהם אָפּ פיהרין אַהיים מיט איין טריומף.

### 2–טער שטאט ב״ב

מיר וועלין איהם שטעלין איין סטאַטיוע גלייך מיט דיא סטאטויען פון אונזרע עלטערין.

### 3–טער שב״ב

לאָז ער זיין אויף צעזאר׳ס אָרט.

### 4–טער שב״ב

מיר וועלין בעקריינען אין ברוטוס׳ן אלס, מיט וואס צעזאר פלעגט זיך לויבין.

### 1–טער שב״ב

מיט אויס געשרייען, און מיט רעש, וועלין מיר איהם אָפּ פיהרין אהיים:

ברוטוס

הערערן! —

### 2-טער שב״ב

ווארט אוים, שווייגט ! ברוטוס רעדט.

### 1-טער שב״ב

שאַט, שטיללער!

### ברוטוס

ליעבע סאָגראַזשראַנעם, ערלויבט מיר איינעם דער ווייטערין זיך; אייך בעט איך — בלייבט איבער מיט אנטאָניוס׳ן, אָפּ געבין דעם לעצטין חוב דעם טויטען, אונ אלע צוזאממען הערט אוים דיא ריידע, וועלכע אנטאניוס וועט זאגין אויף דעם קערפער לכבוד המת צעזאר, מיט אונזער ווילין. איך בעט אייך גערט ניט אוועק, ביז וואַנין ער וועט ניט אוים לאָזין זיין ריידע.

### 1-טער שב״ב

שטייט ! לאָמיר הערין וואס מארק אנטאניוס וועט זאגין.

### 3-טער שב״ב

לאָז ער ארויף געהן אויף דער טריבונע, מיר וועלין הערין. געה ושע ארויף פיינסטער אנטאניום.

### אנטאניום

איך דאנק אייך אלע פאר ברוטוס׳ן.

### 4-טער שב״ב

וואס רעדט ער וועגין ברוטוס׳ן ?

### 3-טער שב״ב

אז ער דאַנקט אונז אלע פאר ברוטוס׳ן.

4—טער שב׳ב

איך וואָלט איהם געראַטהען ניט ריידין קיין שלעכטס אויף ברוטוס'ן.

1—טער שב׳ב

דער צעזאר איז געוועהן איין אכזר.

2—טער שב׳ב

נאך אַ מין אכזר, אַ מין דיעספּאָט, סע איז פאַר אונז איין גליק וואס רומא איז פון איהם פטור געוואָרען.

3—טער שב׳ב

שווייגט; לאָמיר הערין, וואס וועט מארקוס אנטאָניוס זאגין.

אנטאָניוס

ליעבע הערר'ן!

שטאָט בעלי בתים

שווייגט, שטיל!

אנטאָניוס

רימליאנער, גוטע פריינד, ליעבע שטאָט בעלי בתים! איך בעט ביי אייך פארשטאַנד. איך בין צעזאר'ן געקומען באהאַלטין, אונ ניט לויבין, שלעכטע מעשים לעבין מענטשין איבער, אבער מעשים טובים וואס מענטשין האבין אויף'ן לעבין געטאָן, בעהאַלט מען זייער אָפט מיט זייערע ביינער צוזאממען אין קבר. לאָז אזויא זיין מיט צעזאר'ן אויך. אייך האט ברוטוס געזאגט, אז צעזאר האט ליעב געהאט געוועלטיגין; אויב דאס איז אמת, — איז דאס אַ גרויסע שולד, אונ פאַר איהם איז ער מיט זיך בעצאהלט געוואָרין! איך, מיט דעם ערלויבניש פון ברוטוס'ן אונ פון אנדערע (ברוטוס — איז אַ פיינער מענטש, זייא זענין אלע — זייער פיינע מענטשין) בין איך געקומין דא האַלטין אַ רייד אויף צעזאר'ס

פראָך . ער איז מיר גיוועהן איין אמת'ער פֿריינד , נאר ברוטוס האט גיזאגט : „ער האט ליעב גיהאט גיוועלטיגין”, און ברוטוס , איז אָן איין ספק איין פֿיינער מענטש . ער האט פֿיעל גיפֿאַנגינע גיבראכט מיט זיך קיין רומא , און מיט זייער אויסלייזונג איז דיא קרוין-קאססא בעראַכט גיווארין ; אַ דאס איז אַ סימן אז ער האט ליעב גיהאט גיוועלטיגין ? אז צעזאר האט גיהערט גישרייען פֿון אומגליקליכע האט ער אויך גיוויינט , דער וואס האט ליעב דיעס-פֿאַטירען קאָן ניט זיין אזויא עדעל . נאר ברוטוס האט גיזאגט : „ער האט ליעב גיהאט גיוועלטיגין” און ברוטוס איז אָן אַ ספק אַ פֿיינער מענטש . איהר האט גיזעהן , וויא אזויא אין יום טוב לאַפּער-קאליע, האב איך איהם דרייא מאהל, אונטער גיטראגין דיא קרוין, און אלע דרייא מאהל האט ער זיא אַוועק גישטיפּט : אַ דאס איז אויך אַ סימן אז ער האט ליעב גיהאט גיוועלטיגין ? נאר ברוטוס האט גיזאגט, אז צעזאר האט ליעב גיהאט גיוועלטינין, און ברוטוס איז אָן אַ ספק אַ פֿיינער מענטש . דאס אלעס רייד איך ניט צוא ליעב דעם , איך זאל אָפּ לייקינען וואס ברוטוס האט גיזאגט, איך רייד נאר וועגין דעם, וואס איך וויים , איהר האט איהם דאך ליעב גיהאט — און ניט אומזיסט , — וואס זשע האַרט אייך יעצט אז איהר וועט איהם באוויינין ? אוי , קליגער גידאַנק ! דוא ביסט אַנ-טלאָפֿין צוא דיא חיות פֿון דיא וועלדער , און דיא מענטשין האבין פֿארלאָרין זייער שכל ! ווארט אוים , לאָזט מיך זיך אַנגעמין מיט מוטה ; ער , ליגט צוזאממען מיט צעזאר'ן אין קבר , איך מוז אויף אַ צייט איבער רייסין מיין ריידע, ביז וואַנען מיין מוטה וועט זיך צוא מיר אומקערין . . .

## 1—טער שב'ב

מיר ווייזט אוים אז סע איז דא, אין דיזע רייד פֿיעל אמת.

## 2—טער שב'ב

נוא, מע זאל וועלין באקלערין דיא זאַך אזויא וויא סע גיהער

צוא זיין, איז מען זיך מיט צעזאר'ן באגאנגען מיט אכזריות.

3-טער שב'ב

איך האב מורא, אז אויף צעזאר'ס אָרט וועט אַרויף טרעטען — איין ערגערער.

4-טער שב'ב

איהר האט גיהערט, צעזאר האט דיא קרוין ניט גיוואָלט צוא נעמען? יאָ, זעהט מען דאָך ארויס אז ער האט ניט ליעב גיהאט גיוועלטיגען.

1-טער שב'ב

איב דאס וועט אויס גיוויזין ווערין, וועט פיעל מענטשין זיין שלעכט.

2-טער שב'ב

ער איז אומגליקליך אַ דער מארקוס אנטאניוס! ויינע אויגין זענין רויט פון טרערין.

3-טער שב'ב

אין רומא איז ניטאָ קיין פיינערער מענטש.

4-טער שב'ב

שאַט! הערט! ער וויל ריידין.

אנטאניוס

נאך נעכטין, אז ער איז נאך גיוועזן אין שטאַנד איין וואָרט אויס צוא ריידין, האט ער נאך גיקאנט דיא גאנצע וועלט אויף דעם שלאַכט ארויס רופין: יעצט — אָט ליגט ער דא, און קיינער פיהלט זיך ניט אזויא נידעריג, אז ער זאל איהם באווייזין אַ כבוד! אוי, פריינד! ווען איך זאל וועלין אייך טאהן אייער שכל אין אייער הארץ צום מיאטיעזש און ווייטהענד — וואלט איך ברוטוס'ן

און קאססיוס'ן גיטאן שלעכט. נאר איך אלע איז באקאנט אז זייא זענין ארענטליכע מענטשין; נאך נאם זשע דארף מען זיי שלעכטס טאן? ניין, בייא מיר, איז בעסיר — באליידיגין צעזאר'ן, זיך און אייך, איידער טואן שלעכטס אזעלכע פיינע מענטשין. נאהר אָט איז אַ שטיק פאַרמעט גיחתמית מיט צעזאר'ס שטעמפעלי, וואס מע האט גיפינען אין זיין צימער; דאס איז צעזאר'ס צואה, איהר זאלט הערין, וואס סע שטייט אין איהר, — איך וועל זיא ניט לייענין, פערצייעהט — וואָלט איהר זיך אלע גיוואָרפין דיא ראנעס פינעם הרוג קישען; אין זיין הייליג בלוט, וואלט איהר אייערע טיכעליך גיוואשין; איהר וואלט גיבעטין האטש דיא האָאר אויף איין איינדענק פון צעזאר'ן, און אין אייערע צוואות וואָלט איהר אדיין גילייגט דיעזע האאר, און וואלט זיא איבער גילאזט בירושה אייערי קינדער און קינדס-קינדער פאר אַ טייערער מתנה.

## 4-טער שב״ב

מיר ווילין הערין דיא צואה, לייען זיא איבער, אנטאניוס.

## שטאט בעלי בתים

דיא צוואה! לייען דיא צוואה, אנטאניוס!

## אנטאניוס

געדולט, מיינע פריינד! — איך דאַרף אייך זיא ניט לייענין; איהר דאַרפט גאר ניט וויסין וויא אזויא צעזאר האט אייך ליעב גיהאט, איהר זענט ניט קיין שטיינער, ניט קיין העלצער, נאהר מענטשין; זאָג איך אייך פריער אז זיא וועט אייך אנצינדין, און וועט אייך פון אייער שכל אַראָפּ פיהרין; עס איז בעסער איהר זאלט ניט וויסין, אז איהר זענט זיינע יורשים, ווען איהר זאלט דאס וויסין.. וואס וואָלט דענסמאלט גיקאָנט ארויס קומין?!

## 4-טער שב״ב

לייען, לייען, אנטאניוס מיר ווילין וויסין, וואס איז אין

איהר גישריבין ; דוא דאַרפסט אונז איבער לייענין דיא צוואה , לייען !

אנטאניוס

איך בעט , האט צייט , האט געדולט , איך האב גיטאן אַ פעהלער , וואס איך האב דערמאַנט וועגין צעזאר'ס צוואה , איך האב מורא , אז מיט דעם האב איך קאַליע גימאַכט פיינע מענטשין , ויינע רוצחים . . . יאָ , איך האב מורא , אז סע איז אזויא .

4—טער שב״ב

זייא זענין פערראַטהערס — אַ דיא פיינע מענטשין !

שב״ב

דיא צוואה ! לייען דיא צוואה !

2—טער שב״ב

זייא זענין נידערטראַכטיגע מענטשין , גזלנים , רוצחים ! דיא צוואה ! לייען דיא צוואה !

אנטאניוס

איהר נעהמט מיך איבערלייענען , — שטעלט זשע מיך ארום קערפער און ערלויבט מיר איך וויזען דעם וואס האט דיא צוואה גימאכט. איך מעג אראָפ געהן ? איהר ערלויבט דאס מיר ?

שב״ב

נעה אראָפ .

2—טער שב״ב

נעה אראָפ .

(אנטאניוס גיעהט אראפ פון דער טריבונע)

3—טער שב״ב

ווען דוא ווילסט , קאנסט דוא

### 4–טער שב״ב

שטעלט ושע זיך ארום.

### 1–טער שב״ב

ווייטער פֿון דער טרינע, אַוועק פֿון דעם קערפּער!

### 2–טער שב״ב

איין אָרט פֿאַר דעם הויכגישעצטין אנטאניוס!

### אנטאניוס

איך בעט אייך שפּאַרט זיך ניט אָן אויף מיר, צוריקט זיך אביסעל.

### שב״ב

צוריקט זיך! גיט איין אָרט! אביסעל ווייטער!

### אנטאניוס

אויב סע איז דא בייא אייך טרערין, — גרייט זיך צוא, אוים גיסען זייא יעצט. דיעזער מאַנטיל איז אייך באקאנט, איך גידענק אפילו דעם טאג, אז צעזאר האט איהם דאס ערשטע מאהל אָן גיטאָן. דאס איז גיוועהן אין פּאַלאַטקע, זוממער אויף דער נאכט. — אין דיזען טאג האט ער אַ גרויסע פּאַביעדאָ גיהאַלטין אויף דיא נערווינצעם. — ניט אַ קוק אַ הערצוא! דא איז קאססיוס שטאָך-מעסיר דורך גיגאנגין דורך אין דורך, וואס פֿאַר אַ שטאָך האט גיטאָן דער שלעכטער קאסקא! אָט דא, האט איהם ברוטוס מיט זיין שפּיעז דורך גישטאָכין... אז ער האט דעם פֿאַר-שאָלטינעם אייזין פֿון דער ראַנע ארויס גיריסען, קוק זיך צוא, וויא שטארק צעזאר׳ס בלוט האט פֿון איהר ארויס גישפּריצט אזויא וויא פֿון אַ שפּרינגברונען. ברוטוס — וויא אייך איז בעקאַנט — איז גיוועהן זיין ליבהאָבער. — אוי, גאָט! דוא אליין ביסט איין עדות, וויא צעזאר האט איהם ליעב גיהאט; אונ מיט מיין אכזריות פֿון

אלע קלעפּ איז גיוועז זיין קלאַפּ : אז צעזאר האט דערזעהן , אז ברוטוס איז אויך נעגין איהם ; אַ דאס פאַדליקייט האט איהם מיין דערשלאָגין , איידער דיא שפּיזען פֿון אלע זיינע מורדים ; דאס האַרץ זיינס איז צוא ריסען גיווארין , אונ ביים פֿיס-בענקעלי פֿון פּאמפּיאוס סטאטויע , פֿון וועלכער זיין בלוט האט זיך גיגאסין , מיט דעם מאַנטיל צוא גידעקט דעם פנים , איז דער גרויסער צעזאר גיפֿאלין . אוי , רומא׳ר איינוואָינערס , אַ שרעקליכער פֿאַלל צוא-זאמען מיט איהם זענין מיר אלע , איך אונ איהר , גיפֿאַלין , אונ אויף אונז בליהעט אַ בלוטיג מרדות ! איהר וויינט , איהר זענט באַרירט — איך זעה — אין אייך האט זיך ערוועקט אַ גיפֿיהל פֿון רחמניות , — דיא טרערין זענין שיין . . . אוי , טייערע הערצער ! איהר האט ערשט גיזעהן צעזארס מאנטיל צוא שטאָכין — וויינט איהר שוין ; גיט נאר אַ קוק אויף צעזאר׳ן אליין , אָט ליגט ער גיראַנעט , צוא שטאָכין , גיהאַרגית !

1–טער שב׳ב

אוי , אַ שרעקליכע זאַך !

2–טער שב׳ב

אוי , פֿיינער אָרינטליכער צעזאר !

3–טער שב׳ב

איין אומגליקליכער טאג !

4–טער שב׳ב

מורדים , גזלנים !

1–טער שב׳ב

אוי , אַ בלוטיג פֿאַרשטעלונג !

2–טער שב׳ב

מיר וועלין זיך נוקם זיין ! מיר וועלין נעמין איין נקמה ! מיר

וועלין געהן, מיר וועלין פֿארברענין, מיר וועלין מאכין אש, מיר וועלין הארגינען, מיר וועלין טייטין; ניט איין מורד וועלין מיר ניט לאזין לעבין!

אנטאניוס

ווארט אויס, ליעבע איינוואינערס פֿון רומא.

1—טער שב"ב

שטיללער, לאָמיר הערין וואס וועט זאגין דער פיינער אנטאניוס.

2—טער שב"ב

מיר וועלין איהם הערין, מיר וועלין געהן נאך איהם, מיר וועלין שטארבין מיט איהם!

אנטאניוס

מיינע גיליבטע אונ פֿריינדליכע פֿריינד! איך וויל אייך פליצלום ניט ערוועקין צוא אזא אויף גירייסענעם מיאטיעזש. דיא הריגה איז גיטאהן גיווארין דורך פיינע מענטשין, אונ איך — אוי ווייא! — ווייס ניט, וואס פֿאר פערזאָנליכע בעליידיגונג האט זייא גיבראכט צוא אזא מין עולה; אונ ווידער, זייא זענין קליג אונ אָרינטליך, וועלין זייא אייך גיוויס זאגין אַ תירוץ מיט שכל. איך בין ניט צוא ליב דעם גיקומין, איך זאל אייער הארץ צוא ציהען מיט ווערטער. איך בין דאך — ניט קיין אָראטאָר — אזויא וויא ברוטוס, — איהר קאנט מיך: איך בין אַ מענטש אָן חכמות, נאר מיט אמת, איך האב ליעב מיין פֿריינד. דאס ווייסין גיוויס, אפילו דיא מענטשין, וואס האבין מיר ערלויבט פֿארען עולם ריידין וועגין איהם . . . . אז ניט מיט קיין שארפֿין שכל, ניט מיט קיין שיינע ווערטיר, ניט מיט קיין מימיקע, ניט מיט קיין וואָג אונ ניט מיט קיין באוויז, אונ ניט מיט שטארקע ריידע גיוועלטיג איך ניט, אז איך זאל קאנען דערהיצען מענטשליך בלוט. איך זאג ניט מיין וויא דעם אמת, דאס וואס איהר אליין וויסט אָן מיר, איך וויין

אייך צעזאר'ס ראַנעס — שטיממע, אומגליקליכע ליפפען — איך בעט זייא זאלין פֿאַר מיר אייך רידין. ווען איך זאל זיין ברוטוס, אונ ברוטוס אנטאניוס, וואָלט איך אייער זעלע מיט מיין ריידין גיקאנט אויף רידערין, איך וואלט אריין גילייגט אין יעדער ראַנע אַ שפּראַך, וואס וואָלט אפילו דיא שטיינער פֿון רומא, אויך גירירט צום געגענשטאַנד!

שב"ב

מיר ווערין זיך שטעלין אַנטקיגען!

1-טער שב"ב

מיר וועלין פֿאַר ברענין ברוטוס הויז!

3-טער שב"ב

לאָממיר געהן זוכין דיא מיאַטיעזשניקעס!

אנטאניוס

וואַרט אוים, לאזט מיך ריידין, מיינע ליבע מיט-איינוואָינערס.

שב"ב

שאַט! שטילער! וואס וועט זאגין דער אַריינטליכער אנטאניוס.

אנטאַניוס

מיינע פֿריינד! איהר ווייסט אליין ניט פֿון וואס זענט איהר אזויא ברעש'ט גיווארין. זאגט, מיט וואס האט צעזאר אייער רחמניות פֿאַרדיענט? ווייסט איהר ניט? נוא, וועל איך אייך זאגין: אין דער צוואה האט איהר גאר פֿארגעסין!

שב"ב

יאָ, אמת... דיא צוואה... וואַרט אוים, לאָממיר הערין, וואס שטעהט אין דער צוואה.

אנטאניוס

אָט איז דיא צוואה, מיט צעזאר׳ס שטעמפעלי, ער האט אָפּ גיזאגט 75 דראכמעס יעדער רומא׳ר איינוואָינער. דאס קאנט איהר אין דער צוואה זעהן.

2-טער שב׳ב

צעזאר! אוי, פיינער! אָרינטליכער! מיר וועלין נעמין איין נקמה פאר זיין טויט!

3-טער שב׳ב

גינעדיגער קייזער צעזאר!

אנטאניוס

הערט מיך אוים מיט גערולה.

שב׳ב

שטיללער!

אנטאניוס

אַ חוץ דעם לאָזט ער איך איבער זיינע ערטער אויף שפאַציר-גאנג, זיינע חוטערין זיינע זומערציממערין, זיינע גערטנער אונ סיידער, וועלכע גיפינין זיך אויף דיזען ברעג! דאס אלעס האט ער אייך אָפּ גיזאגט פאר איין ירושה — אויף אייביג. שפּאַצירט, פרייט זיך, פארפיערט מיט פאַרגינינגען אייער צייט! אָט אזעלכער איז צעזאר גיוועזן. ווען וועלין מיר זיך דער ווארטין אויף איין אנדערין ער זאל זיין גלייך צוא איהם?

1-טער שב׳ב

אוי, קיינמאהל ניט! לאָממיר גיהן פריער, פריער! מיר וועלין זיין קערפער, אויף איין הייליג אָרט פאר ברענין, אונ מיט דיא האלאוועשקים וועלין מיר אונטער צינדין דיא הייזער פון דיא מורדים. נעמט דעם קערפער!

### 2—טער שב״ב

פייער!

### 3—טער שב״ב

ברעכט דיא בענק!

### 4—טער שב״ב

ברעכט דיא טיערין! ברעכט דיא פענצטער, — אַלס!

(דיא שב״ב געהען אוועק מיט צעזאר׳ס קערפּער)

### אנטאניוס

אַט יעצט, מיאטיעזש, ביסטו אויף דיינע פיס, נעה וויאהין דיינע אויגין וועלין דיך טראָגין און דיין האַרץ וועט דיך ציהען.

(דער קאמערדינער קומט אין)

### קאמערדינער

אקטאוויוס איז אין רומא.

### אנטאניוס

וויא האט ער זיך אָפּ גישטעלט?

### קאמערדיענער

ער איז אין הויז בייא צעזאר׳ן. מיט איהם איז לעאפּידוס אויך.

### אנטאניוס

איך וועל באלד געהן צוא איהם; ער איז אקוראט אין דער צייט גיקומין צוא פאָרין קיין רומא. יעצט שפּיעלט אונז אַ ביסעל דאס מזל; עס גיט אונז אַלס.

### קאמערדיענער

אקטאוויוס זאגט, אז ברוטוס און קאסקא זענין דורך גילאָפין נעבין דיא טויערין פון רומא, אזויא וויא משוגעים.

אנטאניום

אַ פנים , זייא ווייסין , וויא אזויא איך האב אויף געבונטעוויט דאס פֿאָלק . פֿיער מיך צוא אקטאוויוס'ן . (זייא געהען אוועק)

---

## 3—טע קארטינא .

(דיא גאסס , צינגא קומט אן , הער מליץ)

### ציננא

מיר האט זיך היינטיגע נאכט געחלומת אַ חלום ,
אז איך באַלעווע מיט צעזאר'ן
און איך בין פֿון דעם חלום
זעהער צוא רודערט געווארן
איך האב ניט קיין שום חשק ארוים געהן פֿון דער טיר ,
נאר דאס ציהט מיך עפּיס אין דרויסען , אוי וויא איז מיר .

דיא שטאט בעלי בתים קומען אן)

### 1—טער שכ׳ב

וויא אזויא רופֿט מען דיך ?

### 2—טער שכ׳ב

וויהין געהסט דוא ?

### 3—טער שכ׳ב

וויא וואָהנסט דוא ?

### 4—טער שכ׳ב

דוא ביסט אַ באווייבטער צוא אַ בחור ?

### 2—טער שכ׳ב

ענטפֿער אלעמין , נאר גלייך ,

1–טער שב״ב

נאָר קורץ.

4–טער שב״ב

נאָר קליג.

3–טער שב״ב

נאָר גידענק, זאלסט נאָר זאגן דעם אמת.

צייננא

| | |
|---|---|
| וויא אזויא רופט מען מיך? | ענטפערין אלעמין גלייך, |
| וויהין געה איך? | נאָר קורץ נאָר קליג, |
| וויא וואָהן איך? | זאָגין דעם אמת אייך, |
| צוא נאך אַ בחור בין איך? | איך וועל זאגין קליג: |
| צוא אַ פרויא האב איך? | אין בין אַ בחור. |

2–טער שב״ב

מיט דיין ענטפער, איז גלייך וויא דוא זאלסט זאגין, אז אלע באווייבטע — זענין נארנים. היט זיך איך זאל דיך דער פאר נית דורך קלאפען! קאנטשע; ענטפער גלייך!

צייננא

גלייך — סע איז היינט צעזאר׳ס פטירה,
געה איך צוא זיין קבורה.

1–טער שב״ב

אזויא וויא אַ פריינד, צוא אזויא וויא אַ פיינד?

צייננא

אודאי אזויא וויא אַ גוטער פריינד,
נית חלילה וויא אַ בלוטיגער פיינד.

2–טער שב״ב

דאס איז אַ גלייכער ענטפער .

4–טער שב״ב

נוא , יעצט וועגין וואָהניג , — קירצער ! גיבער !

ציננא

איך וועל אייך ענטפערין קורץ און גיך ,
נעבען קאפיטאליע וואָהן איך .

3–טער שב״ב

דייך נאָמין ! זאג דעם אמת .

ציננא

בעם אמת , אייך , זאָג איך
מיט'ן נאָמען „ציננא" רופט מען מיך .

1–טער שב״ב

צוא רייסט אידהם אויף שטיקליך ! ער איז איין מיאטיעזשניק !

ציננא

דעם נאמען „ציננא" „מליץ" טוה איך טראָגין ,
אָבער אז איך בין אַ „מיאטיעזשניק" וועט קיינער נים זאָגין .

4–טער שב״ב

אויף שטיקליך פאר זיינע מיאוסע „שירים", אויף שטיקליך !

ציננא

איך בין נים דער ציננא , גים קיין מיאטיעזשניק .

2–טער שב״ב

אַלץ איינס , זיין נאמען איז צוננא ; מיר ווילין דיזען נאמען

ארויס רייסען פֿון זיין הארצין און דענסמאלט וועלין מיר איהם אָפּ לאָזין .

## 3—טער שב׳ב

מיר וועלין איהם צוא רייסין ! מיר וועלין איהם צוא רייסין ! האָלאָוועשקים ! האָלאָוועשקים ! צוא ברוטוס׳ן , צוא קאססיוס׳ן , ברענט אלדינג ! איינִיגע — צוא דעציוס׳ן , אנדערע צוא קאסקען , דיא איבריגע — צוא טרעבוניוס׳ן ; נוא לאָממיר געהן !

(געהען אוועק)

---

# פירטער אַקט

## 1—טע קארטינא .

(מאקע דארט אין צימער בייא אנטאניוס׳ן אין הויז .
אנטאניוס אקטאוויוס און לעפּידוס זיצען ביים טיש) .

אנטאניוס

און אזויא , וועלין פֿיעל מענטשין שטאַרבין ; זייא זענין שוין אוים גימעקט פֿון דעם ספּיסאָק .

אקטאוויוס

לעאפּידוס , און דיין ברודער דאַרף אויך שטאַרבין , דוא ביסט מרוצה אויף דער זאך ? . .

לעאפּידוס

יאָ , איך בין מרוצה .

אקטאוויוס

מעק איהם אויס , אנטאניוס .

לעאפּידוס

נאר מיט אַזא תנאי, אנטאניוס, אז פּאבליוס דיין שוועסטערס זוהן , זאל ניט לעבין .

אנטאניוס

ער וועט ניט לעבין ; מיט דעם משפט וועל איך איהם אויך משפט'ן . — לעאפּידוס געה צוא צעזאר'ן אין הויז אריין , און ברינג פֿון דאָרט זיין צוואה : מיר וועלין דא ריעשען , וויא אזויא ארויס ווארפֿין , וועלכים עס איזט איבעריג אין זיין לעצטין ווילין .

לעאפּידוס

איך וועל אייך דא גיפֿינען ?

אקטאוויוס

אויב ניט דא , איז אין קאַפּיטאליע .

אנטאניוס

אַט איז אַ מענטש אַ פּעסטער , אַ נישטיגער , ער טויג נאר מע זאל איהם אַרום שיקען — און מיט איין עק . איז דען דא אין דעם אַ גידאַנק, אז , מע וועט צוא טהיילין די וועלט אויף דרייא חלקים , וועט איין חלק בלייבין פֿאר איהם ?

אקטאוויוס

ווען דוא זאלסט האבין וועגין איהם אַזא מיינונג , צוא וואס זשע האסטו איהם גירופֿין , זיך איין עצה האלטין מיט איהם וועגין דעם — ווענין מען דאַרף אָנצייכענין אונזער שרעקליכין משפט , טייטין אָדער ארויס טרייבין ?

### אנטאניום

אקטאוויום , איך בין עלטער פֿון דיר מיט יאָהרין . חאטש מיר לייגין אויף איהם אזויא פֿיעל כבוד — בכדי מיר זאלין זיך בע-פֿרייען פֿון אלדינג , וואס סע פרעסט אונז , — נאר א דעם כבוד וועט ער איבער טראגין , אזויא וויא איין עזעל , וואס סע לייגט אויף איהם אָן , פֿיעל גאָלד , מיט גרוים מיה , און מיט פֿיעל שווייעס וועט ער זיך פֿאר שלעפין מיט זיין משא אהין , וויאהין מיר וועלין אוים טראכטין איהם פֿארטרייבין . און דאָרט אויף דעם אָרט , וועלין מיר פֿון איהם דיא משא אראפּ נעמין , — און ער וועט זיך קלאפין מיט דיא אויערין , און וועט זיך פאסען אין טשערידע אויף'ן גראָז .

### אקטאוויום

דוא קאנסט טואן וואס דוא ווילסט , נאר ער איז אַ בריה , אַ געפריווטער סאלדאט .

### אנטאניום

אָבער אזעלכער איז מיין פפערד אויך ; און דער פֿאַר האָראווע איך איהם , לעהרין איהם צום שלאכט , צוא פליצלונגע אוים דרע-העז , און צום בעסטרען , ציעלינעם לויף . מיין שכל בעדינט זיך מיט זיינע פֿהיזישע באוועהגונגין , און אזויא איז לעאפידוס אויך , מיר דארפֿין איהם פֿיהרין מיט צוימען , און קערעווין , ניאקען , און לעהרנין . אַ יונגאטש מיט אַ פֿעסטער קאָפּ ! אַ מענטש וואס לעבט נאהר מיט אלטע שמאטים , און מיט הרום ; און בייא איהם איז אַ נייעס , וואס אנדערי האבין שוין לאנג פֿאַרגעסין . ער איז — אַ זאַך ניט מיין . יעצט אקטאוויום , הער וועגין דיא וויכטיגע אינ-טירעסין : ברוטום און קאססיום נעמין צואנויף חיל ; מיר דארפֿין זיך יעצט גרייטין , שטעלין זיך אנטקעגין . דאַרום , לאָמיר גיכער שליססין איין בונד , מיר וועלין צואנויף נעמין אללע אונזערי גוטע פֿריינד , מיר וועלין באניטצען אלע אונזערי מיטלען ; און יעצט וועלין מיר אָפּ שטעלין איין עצה וועגין דעם , וויא אזויא מיר זאלין

בעסער וויסיג ווערין, אונ גיוואהר ווערין דאס וואס סע איז פֿאַרדעקט מיט סודות, אונ מיר זאלין דערוויטערין דעם שרעקליכין צוקונפֿט.

### אקטאוויוס

יאָ, מע דארף דאס טואן, מיר וענין אצונד פֿון אלע זייטין אַרום גירינגילט מיט פֿיינד, אונ אפילו דיא דאָזיגע, וואס זיי געבין צוא אונז יאָ אַ מאל אַ שמייכיל, קאן זיין, אז בייא זייא אין האַרצין איז איין גיוואָרצילט איין שרעקליכע שנאה צוא אונז.

---

## 2—טע קארטינא

(פאר ברוטוס פאלאקטע, אין לאגער נעבען סארד, באראבאנעס, קומען אן פון איין זייט ברוטוס, לוציליוס, לוציוס מיט סאלדאטען. פון דער אנדערער זייט — טיטיניוס אונ פינדאריוס.

### ברוטוס

שטעה!

### לוציליוס

לאהזונג, העי!

### ברוטוס

לוציליוס, קאססיוס איז נאהנט?

### לוציליוס

יאָ, זעהר נאהנט, אונ פינדארוס האט דיך גיבראַכט אַ פֿריינדליכין גריסס פֿון איהם.

(פינדארוס גיט אפ ברוטוס'ן א בריעף).

### ברוטוס

ער לאָזט מיר פֿריינדליך גריסין. (צוא פינדארוס'ן) דיין העדר;

צוא ער איז אליין אזוי פֿאַר בעטין גיווארין, צוא זיינע גוטע ברידער זענין אזוי משוגע, וואס ער גיט מיר פיעל אורזאַכין, אז סע דאַרף אונז באַנק טוהן וואס מיר האבין גיטואן . . ; נאר אויב ער איז שוין נאָהנט, וועלין מיר זיך מיט איהם אוים ריידין.

## פינדארוס

אָן אַ ספק, מיין אָרינטליכער הערר וועט זיך פֿאָרשטעלין, אזויא וויא ער איז אין אמת׳ן, איין אָרינטליכער, אַ פֿיינער מענטש.

## ברוטוס

איך בין אין איהם ניט מסופק. זאָג, לוציליום וויא אזויא האט ער דיך אויף גינומין ?

## לוציליום

מיך האט ער אויף גינומין מיט גרוים העפֿליכקייט מיט פֿיעל כבוד, נאר שוין ניט מיט דעם ליבשאַפֿט, וואס אָן צערימאניעס, ניט מיט דעם פֿרייען אונד פֿריינדליכין גריסס אזויא וויא אַ מאל.

## ברוטוס

דוא לוציליום האסט מיר אוים גימאלט דאס פֿארקילונג פֿון דעם פֿייערדיגין פֿריינד. באַמערק, לוציליום, דאס איז איין מאל אויף תמיד, אז דאס ליבשאַפֿט הייבט אָן פֿארליהרין איהר קראַפֿט, מיט דעם באווייזט זיך באלד אַ מין אָנגיצויגין העפֿליכקייט. אין אַ פראָסט עפֿינטליך ליבשאַפֿט איז ניטא קיין אייבער-הסברה. נאר דיא חכמים זענין גלייך צוא דיא פפֿערד וואס אויף דעם קוק זענין זייא היציג, שפירטאָוונע, האָפֿעריג, און אונטער דיא שפאָרין פֿון דעם רייטער, פֿאַרלירען זייא דעם גאנצין קוראַזש, זייא לאָזין אראפּ דיא גריווע, און קאָנין דאס אוים-פריוועז ניט אוים האלטין, אזויא וויא דיא נבלות. — נוא זיין חיל געהט ?

לוציליוס

זייא געהין . אַ נאכטלאַגער ווערלין זייא האבין אין סארד , נאהר אַ גרויסע טייל פֿון זייא , אונ אין דער צאהל דיא גאַנצע קאָנניצא — נעבין קאססיען . (סע הערט א מארש)

ברוטוס

אָט איז ער ! לאָמיר איהם געהן אנטקעגין שטילערהייט .
(קאססיוס קומט אן מיט סאלדאטען)

קאססיוס

שטעה !

ברוטוס

שטעה ! גיט איבער ווייטער דיא קאָמאנדא !

(קולות פון יענער זייט סצענא , שטעה ! האלט , האלט !)

קאססיוס

מיין טהייערער ברודער , דוא האסט מיך בעליידיגט .

ברוטוס

לאָז גאט זיין מיין עדות ! צוא האב איך באליידיגט מיינע פֿיינד ! אונ אויב ניט , וויא אזויא קאן איך באליידיגין מיין ברודער ?

קאססיוס

ברוטוס , אונטער דעם אויסערליך בערוהינקייט זענין בייא דיר , באהאַלטין באליידיגונג ; וועז זשע טוהסטו זייא ? . . .

ברוטוס

בערוהיג זיך , קאססיוס , דיינע טענות צוא מיר דערצעהל שטילער , — דיך קאַן איך , — דא ווערלין מיר זיך ניט קריגען , פֿאר דיא אויגין פֿון צווייא אַרמיעס , וואס זייא דאַרפֿין זעהן נאר

איין ריין ליבשאפט צווישין אונז , — אָבער נים עפּים אַנדערש . היים זייא , זיך אוועק ריקען ; נאך דעם אין מיין פאלאַקטע דער- צעהל מיר פּאוואָליע וואס פֿאר טענות האסטו צוא מיר , אונ איך וועל דיך אוים הערין .

### קאססיום

פינדארום , היים דיא חיל-פֿיהרעם (Вождъ) לאזין זייא אָפּ- ריקען זייער פאַרטיע חיל .

### ברוטום

אונ דוא לוציליום , טוה אויך דאס נעמליכע , ביז וואנין מיר וועלין נים ענדיגין אונזער עצה , לאָז קיינער צוא אונז נים אריין קומין . שטעל נעבין דער טיער טיטיניום׳ן אונ לוציום׳ן אויף דער סטראזשא .

---

## 3-טע קארטינא .

(בייא ברוטוס׳ן אין פאלאקטע , לוציום אונ טיטיניום שטעהן אביסעל וויימער פון דער פאלאקטע , קוממען אן ברוטום אונ קאססיום) .

### קאססיום

אָט איז אַ באוויז , אז דוא האסט מיך באליידיגט : דוא האסט לוציום פעללאַ מבייש גיוועזין , אונ האסט איהם דער פֿאר גימשפט , ווייל מע האט גיזאגט , אז ער האט גינומין ח ב ר בייא דיא סאר- דיעצעם ; נאר איך , ווייל איך קאן דעם מענטשין , האב איך דורך בריעף פֿאר איהם גיבעטין , נאהר דוא האסט מיך , מיט מיינע בריעף גאר ווינציג גיהערט .

### ברוטום

מיט דעם וואס דוא האסט גיבעטין פֿאר יענים אין אַזא זאך , קאססיום , האסטו זיך אליין באליידינט .

## קאססיוס

עס איז נישט פּאַסיג אין אַזא צייט זיין זעהר שטרענג צוא יעדין נישטיגען פֿעהלער.

## ברוטוס

ערלויב מיר זאגין, קאססיוס, — אונ דיך שולדיגט מען אויך אונ מע זאגט אז דוא ביסט אַ חאבארניק; דיא וועלט זאגט: אז נידערטראָכטיגע מענטשין, פֿאר קויפֿסטו פאסטען פֿאר געלד.

## קאססיוס

איך בין אַ חאבארניק? דאס רעדסטו דער פֿאַר, וואס דוא טראגסט דעם נאמין ברוטוס. בייא איין אנדערין אין מויל, שווער איך, אז דיא ריידע וואָלט גיוועזן זיינע לעצטע ווערטער! —

## ברוטוס

אין דיין נאָמין קאססיוס בעשיינט דיין פּאָדלאסטי, אין קיין נאקאזאַניע וועט זיך ניט איינשטעלין אויף הייבין דיא קאָפּ געגין דיר, אַ פנים אויף דיא תקיפות שלאגסטו!

## קאססיוס

וואס? נאקאזאניע!

## ברוטוס

גידענק דעם טאג, יודוס מאָרטוס! — דען ניט וועגין גירעכטיגקייט איז פֿארלאָהרין גיווארין דער גרויסער יוליוס? וויא איז דער נידערטראָכטיגער וועלכער האט איהם גישטאָכין מיט זיין שפּיעז ניט וועגין גירעכטיגקייט? ! — גישיקט זיך אז איינער פֿון אונז, וועלכע מיר האבין דערהאַרגיט דעם ערשטין פֿון אלע מענטשין פֿון דער וועלט דער פֿאר, וואס דיא גזלנים האבין אין איהם גיפֿינין איין סמיכה, זאל בייא זיך יעצט פֿויעלין אוים שמירען זיך דיא הענד

מיט דעם מיאוסין חאבאר. און אַ פּאַסט מיט פיעל כבוד פֿאַר אַ זשטעניע נישטיגער פּאַסקוסטווע פֿאַר קויפֿין ? ניין, איך בין בעסיר מרוצה זיין אַ הינט און האַפּקין אויף דער לבנה, — נאר אַזא רימליאַנין וויל איך ניט זיין.

קאססיוס

זיעדעל מיך ניט איך וועל עס ניט אויס-האלטין; ברוטוס עפּים רודף׳סט דוא מיך, איך בין איין עלטעריר סאָלדאַט פֿון דיר, איך האב מיין פֿון דיר גידיענט, קאן איך אויס קלויבין מענטשין.

ברוטוס

ניין, קאססיוס.

קאססיוס

יאָ.

ברוטוס

איך זאָג, אז ניין.

קאססיוס

צוא רייץ מיך ניט, טאָמיר וועל איך פֿארגעסין, פּריוו ניט אויס מיין גידולד, היט זיך!

ברוטוס

אַוועק, דוא גיפּטיגער מענטש!

קאססיוס

קאן דאס זיין!

ברוטוס

הער, קאססיוס, ווייל איך ווילריידין! אפשר ווערסטו זאגין אז איך זאל אָפּ טרעטין פֿאר דיין נאַרישין צאָרין? איך זאל מורא האבין פֿאר דעם קוק פֿון אַ משוגענים?

קאססיוס

אוי, נאט! און דאס אללעס דארף איך איבער טראגין!

ברוטוס

יאָ, און נאך מיין פון דעם. זייא היציג, לאז דיר דיין גדלנית הערץ צוא פיקעט ווערין, דערצעהל דיין צארין פאר דיא קנעכט, און שאַף אויף דיא דיענערס זייא זאלין ציטערין, און איך — נישיקט זיך אז איך בין מחויב דיר אָפּ טרעטין? איבער טראגין, פאַר שטעלין זיך און קריכען פאר דיין איינגישפאַרט משוגעת? איך שווער — דעם גיפט פון דיין צארין וועסטו אליין איבערקאָכין, חאטשי סע קאן זיין, אז דוא וועסט קלאפירין, פון היינט אָן וועט זיין בייא מיר דיין ווארטשין אַ שפילעכין און אַ גילעכטער.

קאססיוס

נישיקט זיך, אז סע איז שוין דערצוא גיקומין?

ברוטוס

דוא זאגסט — דוא ביסט דער בעסטיר מלחמה-האלטער; וויז דאס אוים פראַקטיש, אז דאס וואס דוא לויבסט זיך איז אמת, איך וועל זיין פריילין, איך בין תמיד גרייט זיך צוא לעהרנין בייא דיא, וואס קאנין בעסיר פון מיר.

קאססיוס

וויא ווייט דוא קענסט, ברוטוס, ווילסטו מיך בעליידיגין; איך האב גיזאגט, אז איך בין עלטער פון דיר, אזויא וויא אַ מלחמה-האלטער, אבער ניט בעסיר; איך האב דען גיזאגט אז בעסיר, ברוטוס?

ברוטוס

מיר איז אלץ איינס, אפילו דוא זאלסט גיווען זאגין.

קאססיוס

זיעדלין מיך, האט זיך ניט איינגישטעלט אפילו צעזאר אליין.

ברוטוס

נעם זיך ניט איבער! דוא וואָלסט זיך גאר אליין ניט איינ-
גישטעלט אזויא צוא רייצין איהם.

קאססיוס

איך וואָלט זיך ניט איינגישטעלט?

ברוטוס

יאָ, דוא וואָלסט זיך ניט איינגישטעלט.

קאססיוס

צוא רייצין איהם?

ברוטוס

דוא וואלסט זיך ניט איינגישטעלט; דוא וואלסט דיין לעבין ניהיט.

קאססיוס

זאיי זיך ניט אזויא שטארק סומך אויף מיין הייסליבשאַפט צוא
דיר; איך קאן טואן אזעלכס, וואס איך וועל נאך דעם שרעקליך
חרטה האבין.

ברוטוס

דוא האסט שוין גיטאן אזאך, וואס סע דארף דיר באַנק
טואן. פאר דיינע סטראשאַקין האב איך קיין מורא ניט, איך בין
פאַרדעקט מיט כבוד פון דיא פאַנצערין, וועלין זיי נעבין מיר דורך
פליהען, אזויא וויא אַ גרינגער ווינט, איך וועל זייא אפילו ניט
באמערקין. — איך האב צוא דיר גישיקט נאך געלד אונ דוא האסט
מיר אָפּ גיזאגט. קאָן איך דען ניט קריגין געלד דורך אַ נידעריגין
וועג?.. איך שווער ביים הימעל, אז איך בין גרייט בעסיר צוא

שלאגין מיין האַרץ אויף מטבעות , און איבערגיסין מיין גאנץ בלוט אויף דראַכמעס איידער אוים רייסין פֿון דיא שטארקע הענד , בייא דיא אַקערבויער זייער פֿארדינסט וואס זייא האבין דאס נעביך פֿאר-דיענט מיט דעם בלוטיגין שוויים . איך האב גישיקט צוא דיר נאך געלד , — (איך האב באדארפֿט באַצאלין דעם חיל) — האסטו מיר אָפּ גיזאגט . פֿרעג איך דיך , פאסט דען פֿאר קאססיוס'ן אזויא טואן ? וואָלט איך דען איהם אזויא גיענטפֿערט ? גישיקט זיך אז מארקוס ברוטוס זאל ווען עס איז ווערין אזויא לאער , אז ער זאל פֿאר מאַידען פֿון זיינע גוטע פֿריינד דאס מיאוסע אייזען , טאָה לאז איהם דער גאט פֿון דעם הימעל , מיט דיא פֿיילין פֿון דיא דינערין אויף שטיקליך צוא רייסין !

קאססיוס

איך האב ניט אָפּ גיזאגט .

ברוטוס

דוא האסט יאָ אָפּ גיזאגט .

קאססיוס

ניין , מיין קאמערדיענער איז גיוועזן אַ נאַרר , האט ער מיינע ווערטער איבער גיפלוידערט . ברוטוס האט מיר מיין האַרץ צוא-ריסין . אַ פֿריינד צוא דיא פֿעהלערס פֿון זיין פֿריינד דאַרף זיך קערין מיט חסד , ער דארף זייא זעהן וויא וויים ער קאן פֿאר קלענערין , און מיין ברוטוס , האט זייא פֿאַר גרעסערט .

ברוטוס

ניין , איך האב זייא אויף זיך איבער גיטראגין .

קאססיוס

דוא , מיין טהייערער ברוטוס , האסט מיך ניט ליעב .

ברוטוס

דיינע פֿעהלירס גיפֿעלין מיר ניט.

קאססיוס

אזוינע פֿעהלירס, דארף גאר איין פֿריינדליכער קוק ניט באמערקין.

ברוטוס

און דער קוק פֿון איין חונף וואלט ניט גיוואלט קוקין זייא זאלין אפילו זיין אזויא גרויס וויא דער בארג אָלימפּ.

קאססיוס

קומט איהר, אנטאניוס און אקטאוויוס, און נעמט אַ נקמה פֿון קאססיוס׳ן אליין. ער איז שוין מיד, ער קאָן שוין מעהר ניט לעבין; דער וואס ער האט איהם ליב, קאן איהם ניט אן קוקין, זיין ברודער האט איהם פֿיינט, מען זידעלט איהם, אזויא וויא אַ קנעכט, אלע זיינע פֿעהלירין ביז איינעם זענין שוין באמערקט, און זענין פֿארשריבין אין ביך; מע קאן זייא שוין אויסינווייניג, אז מע זאל זיך מיט זיי קאנין צוא מיר אין פנים ווארפֿין. אוי! איך זאל קאנין מיין גאנצע זעעלע אוים וויינען! אָט איז מיין שווערד, אָט איז מיין ביזעם אָפֿען, דאָרט איז מיין האַרץ טייערער אָפּ גישעצט פֿון פלאָטאָס׳עס אוצרות, טייערער פֿון גאלד, — נעם דאס, אז דוא ביסט אַ רימליאנין; איך, דער פֿאר וואס איך האב דיר אָפּ גיזאגט וועגין געלד, גיב איך דיר אָפּ מיט מיין גוטין ווילין מיין האַרץ. דער-שלאָג מיך, אזוי וויא דוא האסט צעזאר׳ן גישלאגין. איך וויים, אין דער איינינער צייט, וואס דוא האסט איהם זעהר פֿיינד גיהאט, — האסטו איהם אלץ נאך בעסיר ליב גיהאט, איידער קאססיוס׳ן, בעת דוא האסט איהם שטארק ליב גיהאט.

ברוטוס

לייג אַריין דיין שטאָך-מעסער אין שיידיל. ווען דוא ווילסט, זייא אין כעס, — סע איז בייא דיר אין רשות, — טהו, וואס דוא

וועסט פֿאר טראַכטען , אפילו אַ באליידינונג וועט זיין צוא גינומין פֿאר אַ ווערטיל. אוי קאססיוס! דוא ביסט גיבונדין מיט קניפען מיט אַ שעפעלי; אין איהם איז צאָרין — אזויא וויא פֿייער אין אַ קריע-מען , וואס פֿון אַ שטארקין קלאַפּ הייבין זיך אָן שיטען פֿינקין , אונ נאך דעם ווערט ער באלד אָפּ גיקילט .

קאססיוס

אונ קאססיוס האט נאר גילעבט וועגין דעם , אז ער זאל זיין אין דער צייט פֿון עגמת נפש , אונ פֿון דאסארדע , פֿאר אַ שפילעכין אונ אַ גילעכטיר פֿאַרין ברודער!

ברוטוס

ווען איך האב דאס גיזאגט , בין איך אליין ניט גיווען בייא דיא גידאנקין .

קאססיוס

אזויא ביזט מיר שוין מודה ? גיב זשע מיר דיין האנר .

ברוטוס

נעם דאס האַרץ אויך מיט איהר .

קאססיוס

אוי , ברוטוס !

ברוטוס

וואס איז ?

קאססיוס

גישיקט זיך , אז סע סטייעט בייא דיר ניט קיין ליבשאפֿט , אויף גיטסקייט , ווען סע מאכט זיך אַ מאל אז איך ווער אין כעס ? אַ דעם פליצלינגען כעס איז מיר גיבליבין פֿון מיין מוטער בירושה .

ברוטוס

גוט , ווייטער , אז דוא וועסט אַ מאהל צוא פֿיעל אין כעס

ווערין אויף ברוטוס'ן , וועט ער זיך אוים מאַלין , אז דאס זידעלט זיך דיא מוטער דיינע — אונ וועט פֿאַר שווייגין .

(א רעש אונטער דער סצענא)

מליץ (אונטער דער סצענא)

לאָזט , איך דארף זיך מיט דיא פֿעלדמאַרשאַלין זעהן , וויא זענין אין מחלוקת , טאהר מען זייא ניט איבער לאזין אליין .

לוציוס (אונטער דער סצענא)

מיר ווערין ניט לאָזין .

מליץ (אונטער דער סצענא)

סיידען נאהר דער טויט אליין ,
קאן מיך דא פֿאַרהאלטין איך זאל ניט גיין . (ער קוסט אן)

קאססיוס

נאך וואס ביסט דוא גיקומין ? וואס דארפֿסט דוא ?

מליץ

פֿעלדמאַרשאַלין ! אדרבה איך פֿרעג אייך ,
זאגט אליין ציא איז דאס גלייך ?
אין אייער ווייטען האלז מעגט איהר זיך שעמין !
איהר ווייסט נאר איינער אויף דעם צווייטין מיט כעס ברעמין .
היינטיגע צייט , פֿאַסט ניט קיין כעס פֿאַר אייך — אזוינע מענער ,
איהר זאלט זיין אלע שלום , וואָלט גיוועזן פֿיעל שענער .
אזויא וויא סע גיהער צוא גוטע אונ ליעבע פֿריינד ,
גיט איינער דעם אנדערין מיט ליבשאַפֿט דיא האַנד .
איך בין דאָך מיט יאהרין עלטער פֿון אייך ,
ווייס איך מסתמא וואס סע איז ניט גלייך .

קאססיוס

חאַ , חאַ , חאַ ! וואס זאגסטו אויף דעם ציניק וויא ער האט זיך צוא רעדט אויף שיר לשון !

ברוטוס

ארויס פֿון דאַנען , דוא עזות פנים !

קאססיוס

ברוטוס, זאיי ניט אין כעס, סע איז בייא איהם אַזא מנהג . . .

ברוטוס

איך וועל הערין זיינע חכמות , אז ער וועט זיי ריידין אין דער צייט, צוא וואס טויג בעת מלחמה אַ דיא אנשטעלין ? פֿריינד , געה אוועק !

קאססיוס

וואָן , געה אוועק !

(דער מליץ געהט אוועק, קוממט אן לוציוס אונ טיטיניוס)

ברוטוס

לוציליוס אונ טיטיניוס , גיט איבער דיא פֿעלדמאַרשאַלין — אז זיי זאלין זוכין אַ סטאַנציע אויף באנאַכט פֿיר דיא אָטריאַדען .

קאססיוס

אונ נאך דעם זאָלט איהר זיך אומקערין אהער צוא , אונ זאלט באלד מיט זיך ברענגין מעסאליוס'ן .

ברוטוס

לוציוס , גיב דעם ווייַן .

קאססיוס

איך האב ניט גירעכינט , אז דוא זאלסט קאָנין אזויא אין כעס ז ייַן וער

ברוטוס

קאססיוס , איך האב אזויא פיעל צרות !

קאססיוס

דוא ביסט אַ ביסעל גיראָטין אין איוב'ן : וויא באלד סע טרעפט דיך איין אומגליק פאלסט דוא שוין בייא זיך אראָפּ , וויא זשע איז דיין פהילאָזאָפיע ?

ברוטוס

קיינער קאן ניט איבער טראגין קיין צרות בעסיר פון מיר . — דוא ווייסט , פארטיא איז גישטארבין .

קאססיוס

וואס ! פארטיא ?

ברוטוס

יאָ , זיא איז גישטאָרבין .

קאססיוס

אונ איך האב דיר איבער גישלאגין — אונ בין גיבליבין לעבין ! אוי אַ ביטערער , אַ שרקליכער שאַדין ! וואס פאר אַ שלאַפקייט האט זיא גיהאט ?

ברוטוס

זיא פלעגט זיך זעהר מיטשען בעת איך בין ניט גיוועזן אין דער-היים , דיא גידאנקין פלעגין זיא ניט לאָזין רוהען , זיא פלעגט תמיד טראכטין , אז דער יונגער אקטאוויוס אונ אנטאניוס האבין גובר גיוועזן (דיא ריידע וועגין זייערי אספיעחין , מיט איהר טויט פאללין אריין איינס אינעם אנדערין) אונ דאס האט גיווירקט אויף איהר שכל , אונ איינמאהל ווען דער קאמערדיענער איז ניט גיוועזן צוא הויזע , האט זיא איינגישלינגין איין הייסע קויל .

קאססיוס

און זיא איז גישטארבין ?

ברוטוס

יאָ , זיא איז גישטאָרבין .

קאססיוס

אוי , אימער לעבידיגער גאט !

(לוציוס קומט אן מיט דעם וויין און מיט דיא ליכט)

ברוטוס

רייד ניט פֿון איהר . גיב מיר אַ בעכער וויין , לאָם איך דערטרינקען אין איהם דיא צרות !

קאססיוס

איך פֿיהל איין ווילין אין האַרצין, אויף דיזען טייערין „לחיים" ענטפֿערין. גיסס, לוציוס, גים איין איבער דיא ראַנדין ! קיין איבערינגס קאן ניט זיין דאָרט, וויא איך טרינק וועגין מיין ליבשאַפֿט צוא ברוטוס'ן.

ברוטוס

געה אריין, טיטיניוס. לחיים טובים. . . מעססאלא ! לאָמיר זיך זעצין נאהענטער צוא דער ליכט , און מיר וועלין ריידין וועגין אונזערע גישעפֿטין .

קאססיוס

אוי, פארטיא ! סע איז אַ סברה אז דוא ביסט גישטאָרבין !

ברוטוס

איך בימע, איין וואָרט מיין פֿון איהר ניט ריידין ! מעססאלא, איך האב אַ ידיעה , אז דער יונגער אקטאוויוס און אנטאניוס גען מיט פֿיעל חיל געגין אונז , זיי האבין זיך גילאזט קיין פֿיליפפי .

מעססאלא

איך האב בריעף וועגען דעם.

ברוטוס

וואס איז נאך דא אין זייא?

מעססאלא

אקטאוויוס, מארק אנטאניוס און לעאפידוס, צוזאמען מיט דעם פריקאַז פֿון ארויס-טרייבען און פֿון פֿאר-שיקען, האבען גירעשעט אז מען זאל האַרגינען 100 סענאַטאָרען.

ברוטוס

אָט אין דעם גלייכען זיך ניט אונזרע ידיעות, בייא מיר שרייבט זיך נאר אז 75 מענטשען דארפען גיהאַרגעט ווערען בתוכם ציצערא אויך.

קאססיוס

וואס! און ציצערא אויך?

מעססאלא

יאָ, איבער דעם פריקאַז. האט ציצערא זיין לעבען אנגע-וואָרען. ברוטוס, דיזע בריעף האסטו פֿון דיין פֿרויא ערהאלטען?

ברוטוס

ניין, פֿון אנדערע.

מעססאלא

און מען שרייבט דיר גאר ניט וועגען איהר?

ברוטוס

ניין.

מעססאלא

סע איז אַ חידוש.

ברוטוס

צוא וואס האסטו מיך גיפֿרעגט דיזע פֿראגע? אונ דיא בריעף וואס דוא האסט ערהאלטין איז גאר ניט וועגין איהר?

מעססאלא

ניין.

ברוטוס

זאָג מיר דעם אמת, אזויא וויא אַ רימליאנין.

מעססאלא

טראָג זשע דוא איבער אזויא וויא אַ רימליאנין ניט קיין פֿריי- ליכען אמת: זיא איז גישטארבין, אונ מיט אַ מיתה משונה.

ברוטוס

איך בעט דיך מחילה, פארטיא! מעססאלא מיר דארפֿין אלע שטאַרבין; אין דער גידיינק וועגין דעם, אז זיא האט זיך פֿון דעם טויט ניט גיקאנט אוים דרעהן, גיט מיר צוא קראַפֿט דעם קלאַפּ איבער טראָגין.

מעססאלא

אזוי דארפֿין גרויסע מענטשין איבער טראגין גרויסע צרות!

קאססיוס

דאס ווייס איך אזויא וויא איהר, נאָהר, ווערדליג מיין חאַראק- טער, וואלט איך ניט גיקאנט אזויא איבער טראגין אַזא אומגליק.

ברוטוס

נאר מיר מוזען איבער גנעהין צוא אונזער שמועס. וויא מיינט איהר: מיר דארפֿין זיך יעצט ניט ריהרען צוא דיא פֿיליפפען?

קאססיוס

איך זאָג — אז ניין.

ברוטוס

איין אורזאַכע ?

קאססיוס

אַ דאס איז דיא אורזאַכע : סע איז פֿיעל בעסיר אז דער פֿיינד זאל אליין קומין צוא אונז ; מיט דעם וועט ער אָנווערין זיינע מיטלין, ער וועט אוים מיטשען זיינע סאָלדאטין אונ וועט זיך קאליע מאכין ; אונ מיר , וועלין זיך דערוייל , ניט ריהרין פֿון דעם אָרט , מיר וועלין זיך אָן נעמין מיט קראַפֿט , אונ מיר וועלין אָפּ היטין אונזער כח . צוא דער צייט ווען מע וועט איהם דאַרפֿין נייטיג .

ברוטוס

גוטע אורזאַכין מוזין בטל ווערין פֿאר בעסירע אורזאכין . אלע איינוואינערם פֿון דאַנין ביז פֿיליפּפּיע זענין איבער דעם אויף אונזער זייט , ווייל זייא האבין פֿאר אונז מורא , — זייא פֿיהלין צוא אונז איין אומצופֿרידינהייט פֿאר אונזרע שווערע אַיינבאָרינג , — אין דורך געהענדיג איבער דעם געגינד , וועט דער ווייל דער שונא מעהרין זיין שירענגע ; וועט ער אָן קומין צוא אונז מיט נייעם קראַפֿט , — קוראזשנע , אין אַ גרויסע צאהל מענטשין ; נאר מיר וועלין איהם איבער שלאגין אַ דיא אלע וויגאדים , אז מיר וועלין איהם באַגעגינין אין פֿיליפּפּיע , אונ דיא גאנצע מחנה איבער גילאָזט פֿון אונטען .

קאססיוס

הער מיך אוים , מיין גוטער ברודער !

ברוטוס

ניין , ערלויב . דוא דארפֿסט דאס אויך בארעכענין, אז מיר האבין שוין אלע אונזרע מקורבים צואנויף גינומין . אונזרע פאָלקין זענין שוין פֿיעל, אונזער עסק איז שוין אין גאנצין פֿאַרטיג , אונ דער פֿיינד וואַקסט יעדין טאג . מיר האבין גיגרייכט דיא הויך , אונ זענין גרייט צום אראָפּ פֿאַל . אין מענטשליכע גישעפֿטין איז דא איין

פריליוו (דאם צוא קומין פֿינעם ים) : וועסט דוא זיך מיט איהם באַניצין — וועט ער פֿיהרין צו גליק, וועסטו אָפּ לאָזין דיא צייט — וועט דאס גאנצע לעבין איבערגעהן צווישין דיא זאַמדין אין אומ-גליקען. יעצט איז פֿאר אונז אָן גיקומין דיא צייט פֿון דעם פריליוו, אונ מיר דאַרפֿין איהם חאַפּין, אויב ניט וועלין מיר, אללע מיטלין צום גליק, אנווערען.

## קאַססיוס

לאָז זיין אזויא, אזויא וויא דוא זאגסט. מיר וועלין אליין געהן צוא זייא אז מיר זאלין זייא באגעגינין אין פהיליפפיע.

## ברוטוס

איין פֿינסטערע נאכט האט זיך אונטער גיגאנביט צוא אונז, בעת מיר האבין דא גירעדט; אונזער נאַטור איז אונטער גיגעבין אונטער נייטיגהייט, אונ מיר דאַרפֿין איהר געבין אַ גוטין אָפריהע, איהר האט נאך עפּיס וואס צוא זאגין?

## קאַססיוס

ניין, נאר ניט. אַ גוטע נאכט! מאָרגין, פֿאר טאָג, וועלין מיר אויף שטעהן אונ וועלין ארוים געהן.

## ברוטוס

לוציוס מיינע קליידער! (לוציוס געהט אוועק). נוא, פֿערבלייב גיזונד, מעססאלא! זייא גיזונד טיטיניוס! טהייערער קאַססיוס, אַ גוטע נאכט, אַ גוטער רוה!

## קאַססיוס

אוי, ליבער ברודער, דיזע נאכט האט זיך אָן גיהויבין ניט גוט. מע דאַרף פֿריער באַטראַכטין, אַז סע זאל שפּעטיר ניט זיין קיין ווידעראנאד צווישין אונז!

ברוטוס

עס איז שוין אלס רעכט .

קאססיוס

אַ רוהיגע נאכט .

ברוטוס

אַ רוהיגע נאכט , גוטער ברודער .

טיטיניוס און מעססאלא (צו זאממען)

פערבלייב געזונד , אַ גוטע נאכט , ברוטוס !

ברוטוס

פערבלייבט אללע געזונד !

(קאססיוס , מעססאלא און טיטיניוס געהען אוועק , לוציוס קעהרט זיך אום מיט דיא נאכט קליידער)

ברוטוס

גיב מיר דיא קליידער , וויא איז דיין אינסטרומענט (מאשינדעל) .

לוציוס

דא אין פאלאטקי .

ברוטוס

דוא ריידסט אזויא וויא אַ שלעפריגער . איך מאַך דיך ניט שולדיג ! דוא האסט זיך נעבאך אויס גימיטשעט אָן שלאָף . זאג , אז קלאוודיוס און נאך אימעציר פון מיינע קאמערדינערס זאלין קומין אהער צוא ; לאזין זייא שלאָפין היינטיגע נאכט בייא מיר אין צימער , אויף דיא קישנס .

לוציוס

ווארא און קלאוודיוס ! (ווארא און קלאוודיוס געהען אריין)

וואררא

דער הערר רופֿט אונז ?

ברוטוס

איך ביטע , לייגט זיך שלאָפֿין בייא מיר אין פּאַלאַטקי . סע קאן זיין , איך וועל אייך גיך אויף וועקין , איך וועל אייך דאַרפֿין שיקין צום ברודער קאססיוס .

וואררא

ווען מיר וואַרטין , ווען דוא ווערסט וועלין וועסטו אונז שיקין .

ברוטוס

ניין , לייגט זיך , סע קאן זיין , איך וועל זיך נאך באטראַכטין . אָט גיב אַ קוק , לוציוס , אַ דאס ביכעל וואס איך־האב אזויא גיזוכט , האב איך פאַרלייגט אין דער קעשיניע פֿון דיא נאכט קליידער .

(דיא קאמערדינערס לייגין זיך)

לוציוס

איך בין גיווען גוט זעכיר אין דעם , אז דוא האסט עס מיר ניט גיגעבין .

ברוטוס

מיין טייערער קנעכט , פֿערצייהע מיר ; איך האב באקומין אזא קורצין זכרון ! דוא קאנסט דער ווייל ניט פֿאר מאכין דיינע מידע אויגין , און שפילען עפּיס אויף דעם אינסטרומענט ?

לוציוס

איך וועל שפילען , אויב דוא ווילסט מיין הערר .

ברוטוס

יאָ , יאָ , מיין קנעכט . שוין צוא פֿיעל באומרוהיג איך דיך , נאר דוא ביסט אזויא באַריידיוודיג !

לוציוס

דאס איז דאך אויף מיר מוטל.

ברוטוס

צוא מיר גיהער אָבער ניט צוא פֿיעל פֿארלאנגין פֿון דיר. סע איז אויף דיר ניט מוטל זאלסט טואן איבער דיינע כוחות. פֿאַר יונג בלוט איז רוה איין דערקוויקוניש.

לוציוס

איך בין שוין גישלאָפֿין.

ברוטוס

זעהר שיין, אונ דוא וועסט נאך אַמאהל איינשלאָפֿין ווערין, דיך וועל איך ניט פֿאר האַלטין לאנג. כל זמן שהנשמה בקרבי, וועל איך זיין גוט צוא דיר. (לוציוס שפיעלט אונ זינגט) איין שלעפֿיריג גיזאנג. — אוי, שלעכטיר שלאָף! דוא האסט שוין אראָפּ גילאזט דיין בלייענים שטעקין אויף דעם קנעכט, וואס ער זיצט מיט דעם פֿידעל אין דער האנד! אַ גוטע נאכט, מיין גוטער דיענער! מיט דיר וועל איך קיין מאהל ניט דיספּאָטירין: איך וועל דיך ניט וועקין. — ווערלוג דוא שאָקילסט זיך, וועסט דוא נאך צוא ברעכין דעם פֿידעל: וועל איך איהם נעמין פֿון דיינע הענד. יעצט — אַ גוטע גאכט! מיר ווערלין אַ קוק טואן, אָט איז דאס פֿארבויגינע בלע-טיל: אַ דאָ אַ פּנים האב איך גיענדיגט דאס לעזין? אַ דא דאכט מיר.

(עס קומט אן דער שטן פון צעזאר'ן)

וויא אַזויא דיא ליכט ברענט דונקעל. אוי! ווער איז דאס? אַ פנים, ווייל דיא אויגין זענין זעהר מיד, באשאַפֿין זייא איין שרעקליך ערשיינונג. . . ער געהט צוא צוא מיר . . . ווער ביסט דוא? איין ווירקליכע זאך, צוא נאָר אַ פֿאָרגישטעלטע זאך? דוא ביסט אַ גאָט, צוא איין גוטער מליץ, אָדער גאר אַ שלעכטיר רוח, אונ דוא שטעלסט מיר אויף מיינע האָאר אין קאָפּף? זאג — ווער ביסט דוא?

דער שטן

דיין שלעכטיר גייסט, ברוטוס.

ברוטוס

נאך וואס ביסט דוא גיקומין אַהער?

דער שטן

זאגין, אז דוא וועסט מיך דערזעהן בייא פּיליפּפּיען.

ברוטוס

ווייזט אוים אז איך וועל דיך נאך אַ מאהל זעהן?

דער שטן

יאָ, נעבין פּיליפּפּיען. (ער פערשווינדעט גיך)

ברוטוס

וועל איך דיך דערזעהן נעבין פּיליפּפּיען! איך האב זיך קוים אננינומין מיט האַרץ, האסטו ניט גיסטייעט. איך וואָלט גיוואָלט מיין ריידין מיט דיר. — הוי, קנעכט, לוציוס! — הוי, קלאוודיוס! הוי! ווארדא, ווארדא! וואס זשע איז אייך?... חאַפּט זיך אויף! קלאוודיוס!

לוציוס

(פארשלאפענדער הייט) דיא סטרונעס פינעם פּידעל זאגין אַ ליגען.

ברוטוס

ער מיינט, אז ער זיצט איבער דעם פּידעל. חאַפּ זשע זיך אויף, לוציוס!

לוציוס

וואס, מיין הערר?

ברוטוס

דוא האסט גישריגין פֿינעם שלאָף, וואס האט זיך דיר גיחלומט ?

לוציוס

איך האב גישריגין ? איך גידענק ניט .

ברוטוס

יאָ , דוא האסט גישריגין, דוא האסט עפּיס גיזעהן ?

לוציוס

ניין, גאר ניט .

ברוטוס

לייג זיך נאך אַ מאל שלאָפֿין , מיין לוציוס, הוי, קלאוודיוס !
הוי ! נוא, שטעה אויף גיכער .

וואררא אונ קלאוודיוס (צוזאממען)

וואס, הערר ?

ברוטוס

וואס האט איהר עפּיס גישריגין פֿינעם שלאָף ?

וואררא אונ קלאוודיוס

אזויא , מיר האבין גישריגין ?

ברוטוס

יאָ , אייך האט זיך עפּיס אוים גיוויזין ?

וואררא

מיר — גאָר ניט .

קלאוודיוס

מיר — אויך גאר ניט .

ברוטוס

געהט צום ברודער קאססיוס ; גיט איהם אָפּ אַ גריסס פֿון מיר, גיט איבער אונ זאגט, אז ער זאל, מיט זיין קאָמאַנדע, ארויס געהן וואס פֿריער, פֿריער פֿון אונז, אונ מיר וועלין נאך איהם נאך געהן .

וואררא אונ קלאוודיוס

באלד געהן מיר . (זייא געהן אוועק)

---

# פינפטער אַקט

## 1—טע קארטינא .

(איין גלאכער פלאץ נעבין פיליפפיען , קומען אן אקטאוויוס אונ אנטאניוס מיט חיל) .

אקטאוויוס

נוא , האט זענין מיינע בטחונות מקוים גיווארין ; דוא האסט גיזאגט, אנטאניוס, אז דיא פֿיינד וועלין אין טאהל אריין ניט אראָפּ געהן, נאר אויף דיא בערג אונ אויף דיא הויכע ערטער וועלין זייא איבער בלייבין ; אָבער ניין סע וועט אוים קומין אנדערש , זייער חיל איז נאָהינט ; זייא ווילין פֿעדערין אונזער ארויסרוף , אונ דא , נעבין פֿיליפפיען , אויף אונז אָן פֿאַלין .

אנטאניוס

דאס איז אלס ליגען . אין דיא גידאנקין לייען איך דאס , איך פֿאַרשטעה וואס דאס בעטייט : זייא וואָלטין גיוואלט געהן אין איין אַנדער אָרט , אונ פֿון דעסטוועגין זענין זייא אראָפּ גיגאנגין אראָפּ . זיי האבין בייא זיך גיפֿויעלט , אונ האבין זיך מיאַש גיוועזן פֿאר דעם

דער שרעק, אז מיט דעם זאלין זייא באווייזין זייער איינשטעלונג
ווערכים סע איז נאר ניטא בייא זייא. (דער מבשר קומט אן)

מבשר

פֿעלדמאַרשאלין, גרייט זיך! מיט איין פֿיינעם פּאַראַדאַק
געהן צוא אייך דיא פֿיינד, עס איז צוא שפּרייט זייער שלאַכט-
פֿענדיל, און יעצט דארף מען עפּיס טאן.

אנטאניוס

אקטאוויוס, ניט גיהאַפּט, פֿיער דיין פּאַרטיע חיל אין דער
לינקער האנד פֿון דעם גלייכין פּלאַץ.

אקטאוויוס

ניין, איך וועל זיך האלטין אין דער רעכטיר האנד, און
דוא געה אין דער לינקער.

אנטאניוס

אנטקעגין וואס שלאָגסטו מיר איבער אין דיזער טרייערער מאכט?

אקטאוויוס

איך שלאג ניט איבער, נאר איך וויל אזויא.
(באראבאנים, קומען אן ברוטוס, קאססיוס מיט חיל,
לוציליוס, טיטיניוס, מעססאלא און אנדערע).

ברוטוס

זייא ווילין עפּיס מאכין אַ שמועס.

קאססיוס

שטעל זיך אַנידער, טיטיניוס, לאָז אונז ארויס געהן פֿאָרענט;
מיר דאַרפֿין מיט זייא ריידין.

אקטאוויוס

אנטאניוס, גיבען אַ סימן צום שלאכט?

אנטאניוס

ניין , צעזאר , לאזין זייא אָן הייבין . לאָממיר ארוים געהן פריער ; דיא פעלדמאַרשאלין ווילין אונז עפּיס זאגין .

אקטאוויוס

מע דאַרף זיך ניט רירען ביז דעם סימן ! . .

ברוטוס

אקערבוייער ! לכתחילה ווערטיר , נאך דעם שוין קלעפּ . אַ יאָ אזויא ?

אקטאוויוס

נאר ניט איבער דעם , וויל מיר אזויא וויא איהר , האבין בעסער ליעב ווערטער .

ברוטוס

גוטע ווערטער , אקטאוויוס , איז בעסיר איידער פּאסקידנע קלעפּ .

אנטאניוס

ברוטוס , דוא ביסט אַ בריה , דיא ערגסטע קלעפּ פּאַפּראַ-וועז מיט גוטע ווערטער , אונ אַ ראיה דער צוא , איז דיא לאָך אין צעזארס הארצין , וועלכע דוא האסט גימאכט , בעת דוא האסט אוים גישריגין : „לעב אונ זאיי גליקליך , צעזאר !“ .

קאססיוס

מארק אנטאניוס ! מיר ווייסין ניט , וויא אזויא זענין דיינע קלעפּ , נאר דיינע ווערטער זענין עפּיס ניט מעהר אזויא וויא פּיעל בינען זשאָיען , נאר קיין האָניג לאזין זייא ניט איבער , איך מיין דיינע ווערטיר האבין קיין שום מתיקות ניט .

אנטאניוס

אָבער ניט אָן קיין גיפּט .

### ברוטוס

ניין , אָן אַ גיפֿט און אָן איין קול ; בייא זייא האסט דוא אנטאניוס אוועק גיראבעוועט דאס זשאָיען , און שרעקסט מיט שכל , איידער דוא לאָזט אָפ דיין גיפֿט .

### אנטאניוס

איהר האט ניט גישראקין פּאָרלע מענטשין , אז סע האט זיך צוזאממען צואנויף גישפּאַרט אללע אייערע מיאוסע שפּיזען בייא צעזאר'ן אין האַרצין , איהר האט חוזק גימאכט אזויא וויא דיא מאַלפּעס . איהר האט זיך גילאַשציט , אזויא וויא דיא חאָרטין , איהר האט זיך איינגיבויגין אזוי וויא קנעכט פֿאר איהם , איהר האט גיקישט צעזארס פֿיס אין דער צייט ווען דער נידערטראָכטיגער קאסקא , איז אזויא וויא אַ הינט אָן גיפֿאלין פֿון אונטען , און האט איהם גיגעבין אַ שטארקין קלאַפּ אין האַלז ; — אוי , חניפה'ניקעס !

### קאססיוס

חניפה'ניקעס ! אָט , ברוטוס , דיינק זיך : זיין צונג וואָלט אונז היינט ניט גיזידעלט , דוא זאלסט מיך גיוועז פֿאָלגין .

### אקטאוויוס

נוא , צוא דער ארבייט , צוא דער ארבייט ! וויא באלד אז פֿון קריעג רינט טראָפּפֿין שוויים , דאַרף דער פֿון ארויס קומין טראָפּפֿין , רויטערע פֿון שוויים . . . קוקט — מיין שווערד האב איך יעצט אוים גישטרעקט געגין דיא מיאַטיעזשניקעס ; ווען וועל איך זיא אריין לייגין נאך אַ מאל אין שיידעל ? ניט פֿריער , איידער איך וועל זיך נוקם זיין פֿאר אלע צעזארס ראַנעס , אָדער ווען דיא שווערדין פֿון דיא מיאַטיעזשניקעס וועלין האַרגינין צעזארס דעם צווייטין .

### ברוטוס

אוי , צעזאר , דוא קענסט ניט גיטייט ווערדין דורך דיא הענד פֿון דיא מורדים , אז זייא זענין ניטא מיט דיר .

אקטאוויוס

איך פֿאר זיכער זיך ; — אז מיר איז ניט באַשערט פֿארלוירין ווערין פֿון דער וועלט דורך ברוטוס׳ן .

ברוטוס

דוא יונגעל , דוא זאלסט אפילו פֿון דיין גאנצער משפחה זיין דער פֿיינסטער , וואָלסטו אויך ניט גיקאנט גיפֿינין קיין פֿיינערין טויט .

קאססיוס

אַי , ביסט נאך גאָר אַ חדר יונגעל , וואס דוא ריידסט גאָר מיט איהם , איך זאג דיר אז ער איז גאר ניט ווערט דעם כבוד ער זאל דורך דיין האנד גיטייט ווערדין .

אנטאניוס

דער אלטער קאססיוס איז נאך אלץ אַזוינער , וויא ער איז גיוועין !

אקטאוויוס

לאָממיר געהן , לאממיר געהן , אנטאניוס ! — אייך אין דיא ציין אריין , מורדים , וואַרפֿין מיר אונזער ארויס רוף : ריעשעט זיך , אונ געהט נאך היינט ארויס אין שלאַכט , טאָמיר ניט — ווען איהר וועט בייא זיך פועלין .

(אקטאוויוס אונ אנטאניוס מיט דעם חיל געהען אוועק) .

קאססיוס

יעצט לאָז דער ווינד בלאָזין , דיא חוויליעס זשאָיען , אונ דיא שיפֿען שווימען , דיא בארע האט זיך שוין אויף גיהויבין , אונ אַלדינג בעהיינגט פֿון דעם טרעפֿונג (случай) .

ברוטוס

אַ נוא ! לוציליוס , אויף צווייא ווערטער !

### לוציליוס

וואס וועסט דוא זאָגין ?
(ברוטוס מיט לוציליוס'ן געהען אוועק אין איין זייט.)

### קאססיוס

מעססאלאַ !

### מעססאלא

וואס ווילסט דוא קאססיוס ?

### קאססיוס

היינט איז מיין גיבורטס-טאג (Имянины) ; יאָ , אַקוראט אין דיזען טאג איזט קאססיוס גיבוירין גיווארין. גיב מיר דיא האנד, מעססאלא ; זאיי מיין עדות , אז געגין מיין ווילין , אזויא וויא סע איז אַ מאל גיוועזן מיט פּאָמפּיע'ן אויך , הענג איך אָן אונזער פּריי-הייט נאר אין איין שלאַכט . דוא ווייסט , אפיקר'ס רייד פֿלעג איך שטאַרק אָפּ היטין , נאר יעצט קלעהר איך גאר אנדערש אונ גלייב צוא ביסלייך אין סמנים אז זייא ווייזין אויף עפּים . אז מיר זענין גיגאנגין פֿון סאַרד , האבין זיך פֿון גאנץ הויך אַראָפּ גילאזט צווייא גיזונטע אָדלערס אויף אונזער פֿאָרינדיג פּענדיל , אונ אז זייא זענין גיזעסין אויף דעם פּענדיל , האבין זייא מיט דיא פּיסקעס גיפּיקט דאס שפּייז פֿון דיא סאלדאַטינס הענד , מיט לאָערקייט האבין זייא גישלינגין . זייא האבין אונז באַלייט ביז פֿיליפּפּיען . היינט אין דער פֿריא זענין דיא אָדלערס אוועק גיפֿלויגין , אין קארשונעס אונ ווארָאנעס דרעהין זיך יעצט איבער אונזערע קעפּ . זייא קוקין אויף אונז אזויא , אזויא וויא אויף זייער אומקרעפּטיגר רוים , אונ סע ווייזט אוים , אז דעם שטן פֿון זייא , איז באַשערט ער זאל דיענען פֿאר אַ פּידאשעק פֿאר אונזער חיל , וועלכע וועלין דא זייערי קעפּ לייגין .

### מעססאלא

גלייב ניט אין דיא סימנים .

### קאססיום

אין דיא סימנים גלייב איך נאר אַ מאהל, מיין גייסט איז פֿרייליך, אונ גיריעשעט — אונ מיט קוראזש בין איך גרייט באגעגינין דיא אומגליקין.

### ברוטום (צוא לוציליוס׳ן)

יאָ, אזויא, לוציליום.

### קאססיום

הויכגישעצטער ברוטום! היינט איז גאט צוא אונז צוגאלעזט; אוי, מיר זאלין קאנין דערלעבין ביז דער טיעפֿער עלטער אין ליעב-שאַפֿט אונ אין שלום! נאר גאטט וויים, דאס שיקזאל פֿון דיא מענטשין איז צוא גידעקט מיט איין גידעכטער דעק, קיינער ווייסט ניט וועמיס מאָרגין סע איז, לאָמיר זשע קלערין וועגין דעם, וואס סע קאן זיך מאכין אויף׳ן ערגסטין אופן. אויב מיר וועלין היינטיגין שלאכט פֿארשפילין, ריידין מיר דיזע ווערטער דאס לעצטע מאהל איינער מיט דעם אנדערין; זאג זשע מיר, וואס האסט דוא דיך גיריעשעט טוהן?

### ברוטום

האלטין זיך אין דיא פֿהילאזאָפֿישע כללים, וואס מיט זיי האב איך גיזידעלט קאטאנען דער פֿאר וואס ער האט זיך זעלבסט גיטייט. איך וויים ניט פֿאר וואס, נאר איך רעכין פֿאר איין איבער גישרא-קינקייט אונ נידעריגקייט — פֿון דעם דערשרעק פֿאר דיא אום-גליקין וואס קאנין זיך טרעפֿין — צוא דיא צייט פֿונעם לעבין פֿאר-קירצען. אנגעוואפֿנט מיט גידולט, וועל איך זיך איבער געבין אויף דעם ווילין פֿון דיא העכערע קראַפֿטין, וועלכע פֿיהרין אונז אויף דער וועלט.

### קאססיום

אונ טאָמער חלילה וועלין מיר אנוואָרין דיזען שלאכט, וועסטו

דאס קאנין אוים האַלטין , אז מען זאל דיך פֿיהרין איבער דיא
גאססין פֿון רומא אין טריומף ?

### ברוטוס

ניין , ניין , פֿיינער רימליאנין , מיין ניט , אז ברוטוס האט
בייא זיך גיפֿוילט געהן גיקאָוועט מיט פענטים איבער רומא ! ער
וועט זיך נאך ניט אראָפּ לאזין צוא אזא נידעריגהייט . — היינט
דארף גיענדיגט ווערדין דער עסק אונזערער וועלכער איז אָנגיהויבין
גיוואָרין אין יודוס מאָרטען . איך וויים ניט , צוא מיר וועלין
זיך נאך אַ מאהל זעהן , דארום לאָממיר זיך גיזעגינין אויף אייביג !
יאָ , אויף תמיד פֿערבלייב גיזונד , זאיי גיזונד , מיין קאססיוס ! אויב
מיר וועלין זיך נאך אַ מאהל זעהן , מהיכא תיתא וועלין מיר גיוויס
אָנקוועלין איינער פֿינעם אנדערין , און טאמער ניט האבין מיר זיך
שוין גיזעגינט אזויא וויא סע גיהער צוא זיין .

### קאססיוס

יאָ , ברוטוס , פֿערבלייב גיזונד אויף אייביג , אויף תמיד !
וועלין מיר זיך נאך אַ מאהל זעהן , וועלין מיר זיך אוודאי פֿרייען ,
טאָמיר ניט ביסטו גירעכט , אזויא וויא סע גיהער צוא זיין האבין
מיר זיך גיזעגינט .

### ברוטוס

נוא לאָמיר געהן ! — אוי מע זאל קאנין וויסען פֿריער וואס
וועט זאגין דער היינטיגער טאג ! נאר סע איז דאס אויך גוט , דער
טאג וועט דאך זיך ווען עס איז ענדיגין ביז דעם סוף און וועט
איבער געהן , וועלין מיר דענסמאלט וויסען . הוי ! פֿריער ! פֿריער !

---

## 2—טע קארטינא.

(מאקע דארט, דאס שלאכט פעלד. רעש פון שלאגען, קוממען אן ברוטוס אונ מעססאלא).

### ברוטוס

שפרינג, שפרינג, מעססאלא, וואס גיכער; גיב אָפּ דיזע פריקאַזין דעם חיל, וועלכע זיי שטעהן אין דער זייט. (דער רעש פון דעם שלאכט שטארקט זיך) לאזין זייא זיך מיט אַ מאהל אַ ריהר טאן, איך באמערק — אקטאוויוס פֿליגיל ווערט שלאפֿער — מיר וועלין זיך מיט אַ מאהל אויף איהם ארויף שפּאַרין וועלין מיר איהם אומוואַרפֿין. שפרינג, שפרינג, לאזין זייא אלע געהן.

## 3—טע קארטינא.

(דיא אנדערע טהייל שלאכט פעלד, רעש פון שלאגען. קוממען אן קאססיוס אונ טיטיניוס).

### קאססיוס

קוק טיטיניוס, דיא פּאַדליעצעס לויפֿין! איך בין גיווארין אַ פֿיינד מיינע סאָלדאטין, אַ דאס פֿענדיל האט גיוויזין אונטען — דיזעם פֿענדיל האב איך אוים גיריסין ביים סאָלדאט פֿון דער האנד, אונ האב איהם מיט מיין האנד דער-האַרגיט.

### טיטיניוס

אוי, קאססיוס! ברוטוס האט שוין זעהר פֿיעל אספיעט, ער האט זיך איינגירעדט, אז ער נעמט שוין איין צעזאר'ן, וו‍ייל ער האט איהם אַ ביסעל איבער-גיוואויגין; — דיא סאָלדאטין האבין אָן גיהויבין ראַבעווען, אונ אונז האט דער וו‍ייל אנטאניוס ארום גירינגילט.

(פינדארוס קומט אן).

### פינדארוס

לויף, וואס וו‍ייטער, הערר, לויף! אנטאניוס איז אין דיין לאַגער, לויף!

### קאססיוס

דער באַרג איז ווייט, — גיב אַ קוק, טיטיניוס, אַט דאָרט איז פֿייער: סע מיינע פּאָלאַטקעס ברענין?

### טיטיניוס

דיינע?

### קאססיוס

אויב דוא האסט מיך נאך ליב, זעץ זיך אויף מיין פּפֿערד, גיב איהם עטליכע גוטע שפּאָרין, ביז וואַנין ער וועט דיך אוועק טראגין צוא יענע מחנות, נאך דעם אהער צוריק, אז מע זאל וויסין גיוויס, צוא דארט איז פֿריינד, צוא פֿיינד.

### טיטיניוס

איך וועל גישווינד אוועק לויפֿין אהין, און וועל זיך באַלד אומקערין.

### קאססיוס

געה ארויף פינדארוס, אויף דעם בארג וואס העכער, איך האב אַ נידעריגע ריאה — געה נאך זייא און זאג מיר וואס דוא וועסט באַמערקין. (פינדארוס געהט אוועק) אין דיזען טאג בין איך גיבאָרין גיווארין אויף דער וועלט, דיא צייט האט גיענדיגט איהר גיוויינליכין קרוג, און יעצט דאַרף איך דא ענדיגין, וויא איך האב אָן גיהויבין. דאס פֿעלד פֿון דעם לעבין בין איך שוין איבער-גיגאנגין. — נוא וואס זעהסטו פינדארוס.

### פינדארוס

אוי מיין העררר!

### קאססיוס

וואס איז דאָרט אַזעלכס?

### פינדארוס

טיטיניוס איז ארום גירינגעלט; נאך איהם יאָגין נאך ריי-

טערם. — נאר ער אַנטלויפֿט אליץ — אָט חאַפּט מען איהם — נוא, זאיי גיזונד, טיטיניוס! — סע איז עפּים אימעציר אראָפּ גי־קראָכין פֿון דעם פּפֿערד — איז ער אויך אראַפּ גיקראכין — האט מען איהם גיחאפּט... טשאָ! שרייען זייא פֿאר פֿרייד.

## קאססיוס

יעצט געה אראפּ פֿינעם באַרג, גענוג שוין קוקין. אוי, וואס פֿאר איין איבער גישראָקינער איך בין! איך האב דערלעבט אַזא צייט, אז אנטקעגין מיר פֿאר דיא אויגין איז מיין בעסטער פֿריינד פֿארחאַפּט גיוואָרין. (פינדארוס קומט אן) קאָם אַהער. — איך האב דיך אין פֿאַרוויע גיפֿאנגין, אונ מיט דעם האב איך דיין לעבין גי־רעטעט, האסטו מיר צוא גישוואוירען, אז דוא וועסט מקיים זיין אלם, וואס איך זאל אויף דיר ניט שאַפֿען. זאיי זשע יעצט מקיים דיזע שבועה. זאיי בעפֿרייט, נאר פֿריער נאַ דיר אַ דיא שווערד, וועלכע זיא האט גישטאָכין צעזאר'ן, שטעך זיא מיר אריין אין האַרצין. פֿרעג קיין קשיות ניט; נעם אָן ביים העגטיל פֿון דער שווערד, נעם; אז איך וועל פֿאר דעקין דעם פּנים — אָט אזויא — גיב אַ קלאפּ. — דוא, צעזאר, דוא האסט גינומין איין נקמה, מיט דער זעלבער שווערד, מיט וועלכער דוא ביסט גיהאַרגיט גיוואָרין!

(ער שטארבט)

## פינדארוס

איך בין בעפֿרייט; נאָהר ווען איך זאל זיך ניט גיוועזן איינ־שטעלין, וואָלט איך קיין מאל פֿאר אַזא מקח קיין פֿרייאהייט ניט גיקויפֿט. אוי, קאססיוס! איך וועל אנטלויפֿין פֿון דיזע ערטער אזויא וויט, אז קיינער פֿון דיא רימליאנים זאל פֿון מיר ניט זעהן אונ ניט הערין!

(ער געהט אוועק, עס קוממען אן טיטיניוס אונ מעססאלא).

## מעססאלא

טיטיניוס. דאס איז נאר אַ שותפות'דיגער חלוף; אזויא וויא

אנטאניוס האט צוא שלאגין קאססיוס'ן חיל, אַקוראט אזויא האט ברוטוס צוא שלאגין אקטאוויוס חיל.

טיטיניוס

דיא ידיעה וועט טרייסטען קאססיוס'ן.

מעססאלא

וויא האסט דוא איהם איבער גילאזט?

טיטיניוס

דא אויף דעם באַרג, מיט זיין קנעכט פינדארוס ער איז גיוועזן אומבעטרייסט.

מעססאלא

סע איז ניט ער ליגט?

טיטיניוס

ער איז ניט פאַהאַזשנע אויף קיין לעבידיגין... אוי הארץ!

מעססאלא

דאס איז ער?

טיטיניוס

ניין, דאס איז גיוועזן ער, נאהר יעצט איז שוין קאססיוס ניט דאָ. אוי, פאַרגאנגינע זאָננע! וויא אזויא דוא בייגסט זיך צוא דיינע העלרויטע שטראַהלין צוא מערב זייט, קאססיוס לעבין איז שוין יעצט דער טרינקען גיווארין אין זיין העלרויט בלוט. סע איז פאַר גאַנגין דיא זאָננע פֿון רומא! אונזער טאג האט זיך גיענדיגט! טוי, טומאן, זענין פאַר אונז שרעקליך; מיר האבין גיענדיגט אלע אונזרע עסקים! דער ספק אונ מיין אָספיעה איז גיוועזן דיא אורזאכע פֿון זיין טויט.

מעססאלא

יאָ, דער ספק אונ דעם אָספיעה האט איהם דעם טויט

גיבראכט. אוי, מיאוסער טעות, קינד זיי אימעדיג! נאך וואס וויזטו פֿאר דיא בעסטע מענטשליכע גידאנקין איינבילדונגין? דיין פֿאַרגעהן אונ טראגין איז פליצלום, נאר צוא גליקליכע גיבאָרינהייטען קומסטו קיינמאל ניט, אונ דיין מוטער ברייגסטו דעם טויט.

טיטיניוס

פינדארום! וויא ביסט דוא, פינדארום?

מעססאלא

זיך איהם אָפּ, טיטיניוס, איך וועל געהן צום פיינעם ברוטוס'ן, אונ וועל דורך שטעכין זיין אויער מיט דיזער אומגליקליכער ידיעה, זיא וועט איהם גיוויס אָן מאכין אזא וויטיג, אזויא וויא איין שארפֿער אייזין, אָדער אַ פֿייל, וועלכע זיא איז אָנגיזעטיגט מיט סם-המות.

טיטיניוס

געה גיכער, מעססאלא. איך וועל שוין אָפּ זוכין פינדאריסין. — נאך וואס האסטו מיך גישיקט, טייערער קאססיוס? האב איך דען ניט באגעגינט דיינע פֿריינד? אוי'ף קאפּף האבין זייא מיר ארויף גילייגט דיא קרוין פֿון אַיינגעמין, אונ האבין מיך גיבעטין, אז איך זאל זיא דיר אָפּ גיבען. גישיקט זיך אז דוא האסט זייערע הויכע קולות ניט גיהערט? אוי ווייא, דוא האסט פֿאַלש אללעס גיטאָלקיוועט! נאר גיב דעם שטערין, דיך, מיט דער קרוין באַשעהנין, מיר האט ברוטוס גיהייסין זיא דיר אָפּ געבין — אונ איך וועל זיין ווילין מקיים זיין. אהער, גיכער, ברוטום! קוק וויא אזויא איך האב אָפּ גיגעבין כבוד קאיום קאססיוס'ן. זאיי מיר מוחל גאט! אזויא שאַפּט דער חוב אויף אַ רימליאנין, קאססיום שווערד לאָז מיין האַרץ דורך שטעכין!

(ער שטארבט, טרובעס. קומען אן מעססאלא, ברוטוס, דער יונגער קאטא, סטראטא, וואלומניוס אונ לוציליוס).

ברוטוס

וויא איז, וויא איז, מעססאלא, זיין קערפער ?

מעססאלא

אָט דאָרט. אונ מיט איהם טיטיניוס, באוויינט זיין קערפער.

ברוטוס

טיטיניוס ליגט מיט דעם פנים אַרויף.

קאטא

ער איז אויך דער האַרגיט !

ברוטוס

אוי, צעזאר, דוא ביסט נאך שטארק! דיין נשמה דרעהט זיך דא ארום, אונ אויף אונז אליין קעהרט ער אונזרע ארודיעם.

קאטא

גיזונטער טיטיניוס ! גיט אַ קוק, ער האט מיט דער קרוין דעם טויטענם שטערין באשעהנט !

ברוטוס

סע איז דען איבער גיבליבין אויף דער וועלט נאך אזעלכע צוויא רימליאנים ? אוי, פּערבלייב.... דער לעצטיר פֿון דיא רימליאנים ! סע קאָן ניט זיין, אז נאך איינער אזויא וויא ער זאל נאך אַ מאל גיבוירין ווערין אין רומא. מיינע פֿריינד, אויף דעם טויטין דארף איך אוים גיסין מיין טרערין, וויא פֿיעל איהר זעהט יעצט אויף מיינע אויגין. אויף דעם וועל איך גיפינען אַ צייט, קאססיוס ! איך וועל גיפינען ! שיקט אוועק זיין קערפער אין טהאַססאָס, לאז אין לאַגער ניט זיין קיין קבורה; זיא וועט אונס אלע מאל צוא רידערין. אַהער, לוציליוס ! אהער, קאטא ! לאָמיר געהן אויף דעם שלאכט-פֿעלד. נוא, לאַבעאָ אונ פֿלאַוויוס, ריקט

ארויס אייערע ריידין, יעצט איז פֿיער אַ זיינער, מיר וועלין זיך ביז נאכט אָפּ שלאָגין איין מאל!

---

## 4—טע קארטינא

(דיא אנדערע טייל שלאכט פעלד, קומען אן און שלאגין זיך. סאלדאטען פוןביידע חיילות, נאך דעם — ברוטוס, קאטא, לוציליוס און אנדערע).

### ברוטוס

מוטה, איינוואינערם, שטארק זיך, פֿאַלט בייא זיך ניט אַראָפּ!

### קאטא

ווער איז צווישין אונז אַזא ווערעדאק, וואס ער וועט מורא האבין? ווער איז נאך מיר? איך וועל מיין נאמין מפרסם זיין. — איך בין קאטאס אַ זון! אַ פֿריינד דעם פֿאַטערלאַנד, און איין פֿיינד דיא אכזרים. הער! איך בין קאטא-מארקס אַ זון; קאטא'ס אַ זון.

(ער פאלט אן אויף דעם פיינד).

### ברוטוס

איך — ברוטוס, מארק ברוטוס, אַ פֿריינד דעם פֿאַטער-לאנד; דער פֿון ווייסט איהר!

(ער מאכט א נאטיסק אויף'ן פיינד, קאטא פאלט).

### לוציליוס

אוי, פֿיינער און יונגער קאטא! דוא ביסט גיפֿאַלין! דוא ביסט גישטארבין מיט אַזא באהארצקייט, אזויא וויא טיטיניוס, און דוא האָסט באוויזין, אז דוא ביסט קאטא'ס אַ זון.

### 1—טער סאלדאט

גיב זיך אונטער, טאָמיר ניט וועסטו גיטייט ווערין!

### לוציליוס

איך גיב זיך אונטער, נאר מיט דעם תנאי, אויף שטארבין. אָט דא איז געניג געלד, (לייגט איהם פאהר געלד) דער האַרגע מיך; איך — ברוטוס; דערהארגע זשע ברוטוס׳ן; לאז דיך זיין טויט לויבין.

### 1-טער סאלדאט

ניין, מע דארף ניט. — קינדער, אַ גיהויבענער גיפאנגענער!

### 2-טער סאלדאט

אַי, געה אוועק אין דער זייט. — איך וועל זאגין אנטאניוס׳ן, אז ברוטוס איז אין פליען.

### 1-טער סאלדאט

איך וועל איהם מודיע זיין. נאר אָט איז ער אליין. — מע האט ברוטוס׳ן גינומין, מע האט גינומין ברוטוס׳ן!

### אנטאניוס

וויא איז ער?

### לוצילוס

ער איז ניט אין קיין אומגליק, אנטאניוס, יאַ, איך קאן דיר אפילו שווערין, אז דער שונא קאן איהם לעבידיגערהייט ניט פֿארחאפין. דיא השגחה פֿון נאט וועט איהם אָפּ היטען פֿון דעם בזיון! אלץ איינס אז דוא וועסט איהם גיפֿינען לעבידיג אָדער טויט — וועסטו זעהן אז ער איז זיך אליין אמת!

### אנטאניוס

מיין פֿריינד, דוא האסט גינומין ניט ברוטוס׳ן. און ווידער, דאס איז אויך אַזאַ טייער רויב. היט איהם אָפּ און באגעהט זיך

מיט איהם ליבליך , אזוינע מענטשין וואָלט איך אַ בעל'ן גיוועהן האבין פאַר פריינד , ניט פאַר קיין פיינד . געהט אונ ווערט גיוואָר — צוא ברוטוס לעבט . אונ פון אלם זאלט איהר מיר מודיע זיין . איך וועל זיין בייא אקטאוויוס'ן אין פאַלאטקע .

---

## 5-טע קארטינא .

(דיא אנדערע טייל שלאכט-פעלד , קומען אן ברוטוס , דארדאניוס , קליטוס , סטראטא אונ וואלומניוס) .

### ברוטוס

אהער , דער אומגליקליכער אסטאטאטאק פון דיא פריינד ! זעצט זיך אַנידער אויף דעם שטיין .

### קליטוס

סאטיליום האט אונז גיוויזען זיין לאמטערין , נאר אליין האט ער זיך ניט אומגיקערט ; מע האט איהם אַ פנים אריין גיחאַפּט אין פליען אָדער מע האט איהם דערהארגיט .

### ברוטוס

זעץ זיך נאר אנידער , קליטוס דערהאַרגיט — דאס וואָרט איז אמת . סע איז היינט אריין גיגאנגין אין דער מאָרע הארגינען . העער .

(שושקיט קליטוס'ן אין אויער) .

### קליטוס

איך ! ניין , מיין העררע , פאר קיין שום געלד ניט !

ברוטוס

נוא, טאָה שוויינ זשע, איין וואָרט ניט!

קליטוס

איך וועל גיכער זיך דער הארגינען.

ברוטוס

הער נאהר, דארדאניוס. (שושקעט איהם)

דארדאניוס

איך זאל דאס טאהן!

קליטוס

אוי דארדאניוס!

דארדאניוס

קליטוס!

קליטוס

אוי! וואס פֿאר איין אומגליקליכע בקשה, דארדאניוס, ביטעט פֿון דיר?

דארדאניוס

דער הארגינען איהם האט ער גיבעטין. קוק, ער טראכט, גיוויס וועגין דעם.

קליטוס

ער האט זיך פֿאר טראכט. יאָ, אַ דיא טייערע כלי איז פֿיעל מיט זאָרג, סע חליאפעט זיך אַזש ארויס פֿון איהם מחמת פֿיעלקייט, דורך דיא אויגען.

ברוטוס

קאָם אהער, וואלומניוס, אויף צוויא ווערטער !

וואלומניוס

וואס ווערסט דוא זאגין, פֿעלדמארשאל ?

ברוטוס

הערסטו, וואלומניוס, שוין צווייא מאל ווייזט זיך צוא מיר בייא נאכט צעזארס גייסט; דאס ערשטע מאל — אין סארד, נאך דעם — אין דער פֿאָריגער נאכט דא, אויף דיא פֿעלדער פֿון פֿיליפפיע. איך וויים — מיין שעה איז אָן גיקומען.

וואלומניוס

ניין, ברוטוס.

ברוטוס

איך בין אין דעם פֿארזיכערט. דוא זעהסט, וויא אזויא דיא גישעפֿטין געהן אויף דער וועלט; דיא פֿיינד האבין אונז צוא דער מפלה פֿאר טריבען, איז בעסער מיר זאלין זיך זעלבסט אריין ווארפֿין אין איהר, איידער צוא ווארטין אז מע זאל אונז אהין אריין שטיפען. אוי, מיין טייערער וואלומניוס! מיר זענין, איך מיט דיר, אמאהל צוזאממען אין איין חדר גיגאנגין; וועגין אלט גיט-פֿריינדשאפֿט האלט מיין שווערד, איך וועל זיך אויף איהר ארויף ווארפֿען!

וואלומניוס

דאס איז ניט קיין פֿריינדליכער עסק, ברוטוס.

קליטוס

לויף, לויף! דא טאר מען ניט איבער בלייבין!

### ברוטוס

זאיי גיזונד ! אונ דוא זאיי אויך גיזונד , אונ דוא , וואלומניוס , סטראטא ! דיא גאנצע צייט האסטו פֿארשלאָפֿין . פֿערבלייב דוא אויך גיזונד ! סאגראזשדאנעס , איך פֿרייא זיך הערצליך , וואס אין מיין גאנץ לעבין האב איך שטענדיג גיפֿינען גוטע פֿריינד , וואס זענין מיר גיוועזן זעהר גיטרייא . איך וועל זיך מיט היינטיגען טאג פֿינעם פֿארלירען , מיין לעבען , בעסער פֿרייען , איידער מארק אנטאניוס אונ אקטאוויוס צעזאר , מיט זייער נידעריג איינגעמונג . פֿערבלייבט אללע צוזאממען גיזונד ! מיין צינג האט שוין כמעט אין גאנצען גיענדיגט דיא ערצעהלונג פֿון ברוטוס לעבין , דיא נאכט הייגנט אויף מיינע אויגען , איין אָפּ רוה ווילען שוין דיא ביינער , וועלכע האבין נאר גיהאָרייוועט וועגין דעם , אז זייא זאלין דיזע מאכט דער לעבען .

(רעש פון שלאכט , גישרייען פון יענער זייט סצענא , לויפט , לויפט !)

### קליטוס

לויף , מיין פֿעלדמאַרשאל !

### ברוטוס

איך נאך דיר , רעטטע זיך !

(קליטוס דארדאניוס אונ וואלומניוס איינטלויפען) .

איך בעט דיך סטראטא , בלייב איבער נעבין מיר , — דוא ביסט תמיד גיוועזן אָ גוטער , אַ פֿיינער יונגער מאַן ; — האַלט מיין שווערד אונ קערעווע זיך אוים , בעת איך וועל זיך ארויף וואַרפֿין אויף איהר . דוא וועסט אוים פֿאלגין מיין בקשה ?

### סטראטא

פֿריער גיב מיר דיין האנד. פֿערבלייב . . . מיין הערר !

ברוטוס

פֿערבלייב גיזונד , מיין טהייערער סטראטא ! אוי , צעזאר ! זאיי בערוהיגט , איך האב דיך גיהארגיט ניט מיט אזא חשק וויא זיך !

(פאלט אויף דער שווערד אונ שטארבט , סאמאטאחא , אפטריטינג . עס קוממען אן אקטאוויוס , אנטאניוס , מעססאלא , לוציליוס אונ זייער חיל) .

אקטאוויוס

ווער איז דאס ?

מעססאלא

ברוטוס איין מענטש . — סטראטא, וויא איז דיין הערר ?

סטראטא

ער איז שוין יעצט בעפֿרייהעט פֿון דיא קניפען פֿון קנעכט , וואס האבין דיך פֿארקניפֿט . אונ דיא איינגנעמערס קאָנין שוין מיט איהם נאהר ניט טאהן , סיידען פֿאר ברענין איהם ; ברוטוס מיט ברוטוס'ן האבין זיך גישלאגין , אונ ברוטוס האט ברוטוס'ן איינ-גינומען , מיט זיין טויט וועלין אנדערע זיך ניט לויבען

לוציליוס

אזויא מאקע האט מען בעדארפֿט גיפֿינען ברוטוס'ן . — איך דיינק , מארק ברוטוס , דוא האכט פֿאר ענטפֿערט לוציליוס ווערטער .

אקטאוויוס

אללע , וועלכע האבין געדינט בייא ברוטוס'ן , נעם איך צוא זיך טייערער , דוא ביסט מרוצה צוא געהען צוא מיר אויף א סלוזשבע ?

סטראטא

יאָ , איך בין מרוצה , אויב מעססאלא וועט מיך אָפּ געבין דיר .

אקטאוויוס

גיב אָפּ מעססאלא !

מעססאלא

זאג , סטראטא , וויא אזויא איז ברוטוס גישטארבין ?

סטראטא

איך האב גיהאלטען זיין שווערד ; ער — האט זיך ארויף גיוואָרפען .

מעססאלא

נוא , טאָה נעם , אקטאוויוס , צוא זיך דעם דאָזיגען , וועלכער ער האט מיין פעלדמאַרשאל דיא לעצטע אוסלוגע באוויזען .

אנטאניוס

פון זייער שאיקע איז ער גיוועהן דער פיינסטער פון אלע , אנדערע מיאַטיעזשניקעס האבין געטוהן דיא עבירה מיט דעם גרויסען צעזאר'ן מחמת קנאה , זייא פלעגין איהם זייער אויף זיין גרויסקייט מקנא זיין , און ברוטוס איז אויך צוא זייא צוא גישטאנען , און האט איהם זיין שפיעז אריין גישטאָכין נאר מחמת זיין הייסליבשאַפט לטובת הכלל . דאס לעבן פון ברוטוס'ן איז גיוועהן זעהר שיין , דיא יסודות האבין זיך אין איהם אזויא צואנויף גישטעלט גוט , אז דיא פּריראָדע מעג

זיך אַנידער שטעלין אקייגען דער גאַנצער וועלט און זאגין אַ דאס איז געוועהן אַ מענטש !

## אקטאוויום

מיר וועלין זיך מיט איהם יעצט אזויא באגעהען ווערליג זיינע פערדיענסטען . לאָממיר איהם אָפּ געבין כבוד , און אללע צערעמאָניעם פֿון דער קבורה ! לאָז דיעזע נאכט ליגען זיין טויטער קערפּער בייא מיר אין פאלאטקע . מיט דער גאנצער אדיאָזשדע אזויא וויא אַ מלחמה-האלטער קומט . יעצט איז דאס חיל זייער מיד לאָזין זייא זיך אָפּ ריהען , און מיר וועלין געהען זיך טיילען מיט דיא שיינע טראָפֿייען פֿון דעם גליקליכען שלאַכט !

## ענדע

## איניגע באמערקונגען

**אווגורען** — רומא'ר גלחים וועלכע זאגין נביאות וועדליג דעם פליען אונ דאס זינגען פון דיא פויגלען .

**אטריאדע** — אַ פּאַרטיע חיל .

**ארודיאַ** — דאס געצייג , דיא הארמאטע .

**אראַטאַר** — אַ שיינער ריידער .

**דיעספּאָט** — דער וואס בגעהט זיך שלעכט , מיט וואס ער גיוועלטיגט איבער איהם .

**דראכמא** — אַזא מין אפּטעקערש געוויכט .

**טיעניעטא** — דיא נעץ פאר ווילדע חיות .

**טריאמווירער** — אַ ממשלה פון דרייא מענטשען .

**טריומף** — אַ סימן פון פרייד , אָדער פון איינגעמען אין א מלחמה .

**טריבונא** — אַ הויך אָרט אויף וועלכען מע האלט איין אינטיע-רעסנע ריידע .

**יודוס מארטוס** — האַלב חודש מארט (דער טאג ווען מע האט דערהארגיט צעזאר'ן) .

**לאזונג** — ווארט צייכען .

**מיאטיעזש** — אַ בונט .

**מימיקא** — ארויס געבין אַ גידאַנק דורך דעם דרייען מיט דיא אברים.

**מיעטיעארען** — פֿייעריגע ערשיינונגען אויף'ן הימעל.

**סאָפיסט** — דער וואס זאָגט אַ ליגען אזוי וויא איינער איין אמת.

**סטאַטויע** — אַ געשניצטע אָדער אַ גיטאָקטע פיגורע.

**סאגראזשדאנעם** — איינוואָינער פֿון איין שטאדט (בן עיר).

**פריוויעטסטוויע** — ברוך הבא.

**פאַטריציא** — אַ גיהויבענע משפחה פֿון רומא (פֿארצייטען), דיא אייניקליך פֿון דיא וואס ראָהמאָל האט זייא אויס גיקליבען פֿאר סענאַטאָרען.

**פֿאָסט** — אַ טשין אָדער אַ שטעללע.

**פֿאָביעדא** — דער נצחון, דאס בייקומען, דיא איבערהאנד.

**פראצעסס** — איין אינטערעסנער ענין.

**צינניק** — דער וואס שעמט זיך ניט מיט קיין שום נידעריגער זאך.

**קאפיטאליע** — אַ הייליג אָרט אין אַ מיניסטיערסטווא אין רומא.

**קאמעטא** — אַ שטערין מיט אַ שפּיץ וואס לייכט אויך.

**קאַטאַסטראָפֿא** — איין אומגליקליך טרעפֿונג, אָדער צוא־פֿאלל (случай).